STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06112

BARIKHT IBER A BAZUKH IN EYROPE IN DI INTERESN FUN DEM TSIONISTISHN ARBETER KOMITET F

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באַריכט

איבער אַ באַזוך אין אייראָפּע
אין די אינטערעסן פון דעם
ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט
פאַר הילף און אויפבוי

Labor Zionist Committee for Relief and Rehabilitation, Inc.
673 Broadway • GRamercy 5-0701 • New York 12, N. Y.

א י נ ה אַ ל ט :

◈

זיי דער גוף, אונז די נשמה....................
יואל ענטין

אונזער באַוועגונג אין די לענדער
פון איירָאפּע..
ז. באומגאָלד

די לאַגע פון פליטים אין איטאַליע
(איינדרוקן פון אַ באַזוך)............................
ל. סיגאל

זיי דער גוף, אונז די נשמה

• פון יואל ענטין

א.

קיינער, בפרט קיין אידישער מענטש, קען ניט איבערלייענען חבר ז. באום־גאָלד׳ס באַריכט פון זיין רייזע אין אונזערע אומגליק־פּלעצער אין איי־ראָפּע און זייערע „סביבות" און ניט גערירט ווערן ביז צו די סאַמע טיפענישן פון זיין נשמה.

עס גייט אָבער נישט אין קיין סענטימענטן, אפילו נישט אין קיין געפילן. עס גייט אין אָפּראַטעווען דאָס פאָלק, די נשמה פון אידישן פאָלק.

נאָכן קישינעווער פּאָגראָם איז דעם נאַציאָנאַלן פּאָעטס, שמעון פרוגס, יאָמער־געשריי געווען:

„דעם טויטן אויף תכריכים,
דעם לעבעדיקן אויף ברויט".

און נאָך בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער נויט־רוף געווען פּיקוח נפש.

און איצט איז דער יאָמער־געוואַלד קיום האומה. די נשמה פון פאָלק טרינקט זיך. דערהויבט זיי איבערן וואַסער! דערהאַלט זיי ביים לעבן! ראַטעוועט זיי!

דאָס קען קיינער ניט טאָן, קיין גוטער איד, קיין בעל צדקה. דאָס קענען נאָר מיר טאָן, מיר סאָציאַליסטן־ציוניסטן, מיר אידישע פאָלקס־אינטע־ליגענץ — אינאיינעם און דורך אונזערע מחנה־ברידער, חברים אין קאַמף אין אייראפּע.

און דאָס איז אונזער אָרט אין דער רעטונגס־אַרבעט. מיר לייקענען ניט די אַרבעט פון „דזשאָינט", מיר זיינען זי אפילו ניט מבטל, אָבער אויב מיר קענען ניט אויפטאָן וואָס דער „דזשאָינט" מיט די צענדליקער מיליאָנען,

וואָס ער קריגט אַריין, טוט אויף, קען ער, דער „דזשאָינט", אויך ניט אויפטאָן דאָס וואָס מיר טוען אויף.

ב.

עפּעס קענען מיר אויפטאָן, אפילו אויפן אייגנטלעכן פעלד פון „דזשאָינט", אויב נישט קיין עיקר, זיינען מיר דאָ אָבער אַ חשוב׳ער צוגאָב.

דער „דזשאָינט" איז אַ גרויסע, אָפיציעלע, שיר־ניט אַ מיט רעגירונג־שטעמפּלען באַשטעמפּעלטע קערפּערשאַפט. מוז זי אָפט אין איראָפּע אויך האַנדלען ניט מיטן פאָלק דירעקט, נאָר דורך רעגירונגען. איז דאָס ערשטע כפרה־הינדל די גראַשנס און דאָלאַרס וואָס דאָס אידישע פאָלק פון אַמעריקע גיט צושטייער. אַ טייל ווערט צערונען דורך דער אָפיציעלער וואַליוטע. מיר אַרבעטן דורך אונזערע אייגענע קאַנאַלן, דורך אונזערע חברים אויף די ערטער, וואָס מיינען דאָס אוממיטלבאַר פאָלק, וואָס מיינען איין בלוט מיט אים, איין פלייש מיט אים — דאָס מיינט אַז אין די שווייסיקע דאָלאַרס און סענטן איז נישטאָ קיין צערינונג, קיין צעשמעלצונג.

אַרבעטנדיק אָפט דורך רעגירונגען און אונטער זייער באַשיצנדיק אויג, מוז דער „דזשאָינט" אַרבעטן האַנט־אין־האַנט דורך די איצטיקע אידישע מקורבים למלכות, וואָס אין פוילן און העכסט וואַרשיינלעך אויך אין רומעניע, זיינען זיי קאָמוניסטן (אויך דער אידישער צענטראַל קאָמיטעט פון פוילן ווערט באַהערשט פון קאָמוניסטן) און אינם מיט שמד־וואַסער פאַרשפּריצטן אונגאַרן זיינען זיי די גרעסטע אַסימילאַנטן.

און אויב מיר קענען זיי ביידן נאָך אָנפאַרטרויען די גרינדונג און פירונג פון אַ זופּ־קיך, אפשר נאָך אפילו פון אַ שפּיטאָל, ווילן מיר אָבער ניט און קענען ניט זיי אָנפאַרטרויען די פירונג פון אַ יתומים־הויז, פון אַ שולע פאַר קינדער, אַ פאָלקס־הויז פאַר יוגנטלעכע און אַ קלוב, אַן אָפּרו־און־דער־הוילונג־פּלאַץ פאַר דערוואַקסענע.

מיר האָבן, זייט צענדליקער יאָרן, נאָך זינט דעם ערשטן אידישן קאָנגרעס אין דער „פּיפּלס רעליף" פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַריינגעטריבן אין דער „יהודימשער" וועלט דעם שלאָג־רוף קאָנסטרוקטיווע, פּראָדוקטיווע הילף. היינט זאָגן זיי עס אונז נאָך און פּרובירן עס אויך טאָן. אָבער צי קען עס אַן אַנדערער טאָן ווי עס איז געהעריק?

די סאַמע ממשות׳דיקסטע, די סאַמע פּראָדוקטיווסטע אויפבוי־אַרבעט הײַנט אין חרוב׳ן פּוילן, אין חרוב ונחרב׳דיקן אידישן פּוילן, זײַנען די קאָאָפּעראַטיווע קיבוצים, די הכשרה־פּלעצער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַלע שאַטירונגען. די אַלע פּלעצער זײַנען קאָאָפּעראַטיוון פון די קינדער פון פאָלק גופא, פון די געראַטעוועטע פון די געטאָס, פון די איבערגעבליבענע פון די פּאַרטיזאַנען־בונקערס, פון די פּאַרנדיקע און נאָך ניט דערפּאָרענע עולים־עמיגראַנטן קיין ארץ־ישראל. אַרבעטן זיי ביי זייערע פאַרשידענע פאַכן צווישן זיך אַליין, אויף זיך אַליין און, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך אין איצטיקן חורבן, אויך „אויפן מאַרק". די אַלע קיבוצים און הכשרה־פּלעצער זײַנען אויפגעקומען, וועלכע ספּאָנטאַן, פון זיך אַליין, און וועלכע דורך דעם חלוצישן עלעמענט, סיי דעם וואָס האָט נאָך פון פריער געקליאָוועט אין די לענדער און סיי דעם וואָס איז אין משך פון די וויסטע יאָרן אָנגעקומען פון ארץ־ישראל. און אין די אַלע קיבוצים און הכשרות איז די טליענדע וואַרימקייט, דער גליענדיקער פונק דער אויסבליק אויף ארץ־ישראל, די האָפענונג צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אַזעלכע קיבוצים און הכשרה־פּלעצער גרינדעט דער „דזשאָינט" ניט, זײַנע העלפער, מיט וועמען ער אַרבעט, קומען מיט די מענטשן אין קיין באַרירונג ניט. ניט נאָר גרינדעט עס ניט דער „דזשאָינט", נאָר הלואי העלפט ער אים כאָטש פון ווייטן, הלואי לאָזן אים זײַנע אָרטיקע פּאַרמיטלער זיי העלפן כאָטש פון ווייטן.

ג.

און אין דעם דערמאָנטן שטעקט אַ שטיק נשמה פונם פאָלק, וועלכן מ׳ור דאַרפן ראַטעווען (ראַטעווענדיק עס, ראַטעוועט מען די רעשטע פונקען פון דער נשמה פון פּוילישן, ליטווישן, רוסישן און אוקראַאינישן אידנטום, וואָס איז געווען די נשמה פון גאַנצן אידישן פאָלק). דער עיקר נשמה־רעטונג ליגט אָבער אין די קינדער, אינגאַנצן שוין אָפּגעריסענע פון אידישקייט אָדער אַזעלכע אין וועמען עס האַלט זיך אויף אַ האָר, אין די מענער, וואָס דאָס לעבן אין די געטאָס און אין די לאַגערן אונטערן בייטש אָדער אפילו אין די פּאַרטיזאַנען־גריבער און וועלדער האָט דעמאָראַליזירט, דעגענערירט, און פרויען, וואָס וואָלטן געקענט גוטע אידישע מאַמעס זײַן, אָבער נאָכן לעבן, וואָס זיי האָבן געפירט אין דער גרוילהאַפטער געפאַנגענשאַפט, אונטער דעם בראַנד־

ציכן אויף זייערע ברוסטן און אין זייערע הערצער, זיינען זיי אָדער אין הפקרות־דעגענעראַציע פאַרברענט אָדער אין יאוש־שפלות דערטרונקען.

פאַראַן נאָך אפשר טויזנטער אידישע קינדער, וואָס „טוליען זיך" אין מאָנאַסטירן אונטער די פליגלען פון דער „מאַטקאַ באָסקאַ". מען מוז זיי אַרויסראַטעווען און אָפּראַטעווען. אַמאָל קויפט מען זיי אויס מיט געלט, זעלטענער מיט גוטע אידיש־מענטשלעכע רייד. די אַרבעט איז אַ ריזיקאַלישע, אַ דעליקאַטע און אַ צאַרטע. דאָס קענען טאָן אייגענע נאָנטע מענטשן פון פאָלק, קינדער פון פאָלק דורך אידישער אינטעליגענץ אויפגעוועקטע.

אַרויסגעראַטעוועט, דאַרף מען די קינדער דערציען, איבערדערציען, אַרויסרייסן די קראָפּעווע, כאָוועט די כשר'ע אידישע נשמה־בלימעלעך. קאָן דאָס טאָן אַ סתם פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע? אפילו די אַלט־רוסישע אָדער פאַרפראַנצויזטע „אָזע", דורך וועמען דער „דזשאָינט" אַרבעט געווייינט־לעך אין אַזעלכע פאַלן?

פאַראַן קינדערלעך, גרויסע צאָלן, האַלבע יתומים אָדער גאַנצע, אָבער אין יעדן פאַל גאַנץ אליינינקע אין דער גרויסער וועלט, וואָס האָבן שוין זייערע עלטערן פאַרגעסן, אפשר שוין אויך זייערע אידישע נעמען פאַרגעסן. די עטלעכע ברעקלעך אידישע דעראינערונגען וואָס טליען נאָך, זיינען שוין אויך מטושטש. פאַראַן אפשר אַזעלכע וואָס וועלן עס באַגריסן — „פּטור פון אַן איבעריקן באַלאַסט" — מיר וועלן עס ניט און אונזער חלק וועט ניט זיין מיט אַזעלכע וואָס וועלן עס. מען מוז יענע טונקעלע, שאָטענדיקע אידישע זכרונות אין די קינדער וועקן, צינדן.

די צינדער, די וועקער דאַרפן מיר זיין דורך אונזערע פאַרטרעטער, די נאַציאָנאַלע פאָלקס־עלעמענטן דאָרט אויף די ערטער, אין אידישע יתומים־הייזער, שולן,אַנשטאַלטן.

אָט דאָס הייסט ראַטעווען די נשמה פון פאָלק, דאָס הייסט אַרבעט פאַר ק י ו ם ה א ו מ ה . אויף די חורבות פון אונטערגעבראָכענעם פויליש־ליטוויש־רוסישן אידנטום אַ ניי אידנטום אויסבויען.

ענלעך, אויף אַן אַנדער מדרגה, איז נאָרמאַליזירן, גייסטיק סאַניטירן דעם אונטערן בייטש, אין פייער־און־פלאַם דעגענערירטן אידן. צווישן מענ־טשן־חיות איז ער פאַר'חיה'ט געוואָרן. אָבער אַ גוטע חבר'שע סביבה, אַ וואַרים־האַרציק, אינטים אידיש וואָרט פון אַ לערער, אַ רעדנער, אַ דערציער קען אָנשטאָט דער האַרטער חיה'שער פעל אויף אים אַ מענטשלעך־אידישע־

הויט אַרויפציען. מען זאָל אין אים זיין מענטשלעכע ווירדע צוריק אויפוועקן, זיין אידישן צלם אלקים צוריק אויפלייכטן. דערצו איז זייער מסוגל די אַרבעט צווישן חברים אין אַ הכשרה, אַן ארבעט פון אַ גלייכן צווישן גלייכע, אַן שאלות פון אַמאָל, אַן חשבונות פון געוועזענעם, נאָך בעסער די אַרבעט אָדער אפילו די האָפנונג אויף אַרבעט אין אַ קבוצה, דער שטרעבן צום דאָזיקן אידעאַל, אַז ער זאָל דערגרייכט ווערן.

און די סאַמע צאַרטסטע, די סאַמע הייליקסטע — ווייל טרערנדיק־סטע — אַרבעט צווישן די באַליידיקטע, געפייניקטע שוועסטער. ביי אַ נאָר־מאַלן פאָלק וואָלטן זיי באַדאַרפט זיין, אָדער וואָלטן טאַקע געוואָרן די אייג־וואוינעריננס פון נאַציאָנאַלע נשמה־סאַניטאַריומס. ביי אַ נאָרמאַלן פאָלק וואָלטן זיי באַדאַרפט ווערן אָדער טאַקע געוואָרן די זאָרג פון די פיינסטע נאַציאָנאַלע פסיכיאַטאָרן. ביי אונזער אָרימקייט — אונזערע פרוידס האָבן פרעמדע גערטנער געפלאַנצט — וועלן אונזערע שוועסטער, די אינטעליגענטע אידישע פאָלקס־טעכטער פון פוילן, פון ליטע און אַנדערע לענדער זייערע דערציערינס, זייערע אויפמונטערער, זייערע גייסטיקע אויסגלייכערקעס און אויפהייבערינס מוזן ווערן. מיר וועלן זיי לייטערן, מיט מוטערלעך שוועס־טערלעכער וואָרימקייט און צאַרטקייט אָפּרישן, אַרויפהויבן מיטן שיין פון אַ אידיש־פאָלקלעכן אידעאַל, זייער פינסטערע שפּלות צעטרייבן, זיי נשמה׳דיק־מוטערלעך אידישלעך באַלויכטן.

***

איז — צו דער אַרבעט, צו דער אַרבעט פון הילף און אויפבוי לאָמיר זאַמלען, זאַמלען וואָס מער זאַמלען און מיט דעם געזאַמלטן ראַטעווען און בויען, מיר די באַוועגונג דאָ דורך אונזערע חברים דאָרט, אויף די ערטער.

אַן אַרבעט אַ געהייליקסטע פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער באַ־וועגונג.

אַ בנין — בנין האומה — וואָס קיינער וויל ניט, קען ניט און וועט ניט בויען אַזוי ווי מיר!

אונזער באַוועגונג אין די לענדער פון אייראָפּע

• פון ז. באומגאַלד

אויף מיין קורצן באַזוך אין אייראָפּע האָב איך נאָר באַוויזן צו זיין אין דריי לענדער: פראַנקרייך, בעלגיע און שווייץ. אָבער דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל איז פאַר מיר געווען אַ געלעגנהייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די פּראָמינענטסטע אידישע פירנדע מענטשן, על פּי רוב חברים פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג פון די וויכטיקסטע אידישע פונקטן אין אייראָפּע און פון זיי אינפאָרמירט צו ווערן איבער פיל פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיטן לעבן פון דער שארית הפליטה.

אלגעמיינער מצב אין די לאַגערן

דער אַלגעמיינער מצב פון די אידן אין אייראָפּע, אויף זייערע וואַנדערונגען, איז אין לעצטן יאָר באַדייטנד פאַרערגערט געוואָרן, קודם כל מאַטעריעל. די צאָל פליטים אין די לאַגערן האָט זיך אין אַ רעלאַטיוו קורצער צייט פאַרצוויפאַכט און פאַרדרייפאַכט. פאַראַלעל מיט דער דערשיינונג, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט אַריינצוברענגען וועלכע ס'איז קאָנסאָלידירונג און צייטווייליקע סטאַביליטעט אין דעם לעבן פון די פליכטלינגען, איז געקומען אַן אַנדער צרה — די אויפלייזונג פון דער „אונרא". נאָך מיט פיל חדשים צוריק, נאָך איידער אפילו דער אָפיציעלער באַשלוס וועגן דער אויפלייזונג פון דער „אונרא" איז געפאַסט געוואָרן, האָבן אירע פאַרטרעטער אין געוויסע צענטערן אין אייראָפּע, אָנגעהויבן פירן אַ ליקווידאַציע־פּאָליטיק אין זייערע הילפס אַרבעטן, כדי אויף אַזאַ אופן בהדרגה אָפּצוגעוואוינען דעם עולם פון איר שטיצע. אין דער אַמעריקאַנער זאָנע איז פאַרגעקומען אַ שטיקל קאָמפּענסאַציע, וואָס די פאַרמינערונג פון דער „אונרא"־הילף איז אין אַ געוויסער מאָס אויסגעפילט געוואָרן דורך ברייטהאַרציקייט, אויף פאַרשידענע געביטן, מצד דער

אַמעריקאַנער מיליטערישער מאַכט. דאָס איז, אגב, איינע פון די סיבות, וואָס די געגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די פּליטים אין די אַמעריקאַנער זאָנעס און דער מיליטערישער מאַכט האָבן זיך אין די לעצטע חדשים באַדייטנד פאַר־בעסערט. אין די אַנדערע זאָנעס איז דער בלויז פון דער פּאַמעלעכדיקער ליק־ווידירונג פון דער „אונרא״ געבליבן ניט אויסגעפּילט.

אויך דער „דזשאָינט״ האָט אין געוויסע לאַגערן פאַרקלענערט זיין הילף. ער זאָל דאָס האָבן געטאָן צוליב דעם באַדייטנדן צופלוס פון נייע פּליטים. יעדנפאַלס, די מאַטעריעלע לאַגע פון בערך אַ פערטל מיליאָן אידן אין די לאַגערן אין אייראָפּע איז היינט אַ סך שווערער ווי מיט אַ יאָר צוריק. די יחידים, וועלכע האָבן קרובים אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל, קומען אויס אַ דאַנק דער שטיצע פון זייערע נאָענטע. פאַרשידענע גרופּירונגען באַקומען צוגאָב הילף פון זייערע פאַרבינדעטע אין אַמעריקע (צווישן זיי אַ קליינע צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן). פאַר אַנדערע איז די לאַגע ביטער און אָפטמאָל ממש גרויזאַם.

אָן אַ פאַרגלייך שווערער איז דער מאָראַלישער מצב פון די מענטשן אין די לאַגערן. די סבות זיינען פאָלגנדע:

1) קודם כל דער עצם פאַקט, וואָס זיי געפינען זיך אויף דייטשער ערד און אין אַ דייטשער אומגעבונג. יעדער איינציקער פּליט קוקט אויף אַ דייטש ווי אויף דעם מערדער פון זיין משפחה, פון זיינע עלטערן, קינדער, פון זיינע נאָענטסטע — ווי אויף דעם בלוט־שונא פון זיין פאָלק. ער האָט אַ מיליאָן מאָל פאַרשאָלטן די ערד מיט איר געביין און איצט מוז ער ווייטער אויף איר טרעטן און זי נאָך באַטראַכטן ווי אַן אזיל פּלאַץ, ווייל ערגעץ אַנדערש וואו צו גיין האָט ער נישט.

2) די אידן זיינען געלאָפן אין די לאַגערן מיט דער אויסזיכט פון דאָרט באַלד ווייטער צו פאָרן, דער גרעסטער טייל קיין ארץ ישראל און אַ קלענער טייל קיין אַמעריקע. ביי יעדן מאָל וואָס די מאַכט האָט דורכגעפירט אַן אינדיווידועלע רעגיסטראַציע אין די לאַגערן און געפאָדערט אָנצוגעבן וואוהין יעדער פּליט וויל ווייטער עמיגרירן, האָט זיך געהאָט דערוועקט די האָפנונג און דער גלויבן, אַז דאָס מאָל וועט עס שוין לאַנג נישט דויערן און עס וועט נעמען אַ סוף צום פינסטערן גלות. געוועזן פאַלן ווען פּליטים האָבן צענדליקער מאָל געהאָט פאַרפּאַקט זייער האָב און גוטס און געשריבן צו זייערע

קרובים אין ארץ־ישראל אָדער אין אַמעריקע, אַז אין איניקע וואָכן אַרום וועלן זיי זיכער אָהינקומען און ערשט שפּעטער האָבן זיי, צו זייער ביטערער אַנטוי־שונג, אויסגעפונען, אַז די אַלע רעגיסטראַציעס זיינען גיכער געווען פאַר סטאַ־טיסטישע צוועקן און האָבן ווייניקער צו טאָן מיט רעאַלע עמיגראַציע מעגלעכ־קייטן. דער מצב האַלט שוין אַן פּאָר מאָנכע אַ יאָר, אַנדערטהאַלבן. איז גאָר נישט קיין וואונדער אויף דער ווירקונג וואָס דאָס האָט געהאַט אויף דעם גייס־טיקן צושטאַנד פון די לאַגער־מענטשן.

3) די וויכטיקסטע סיבה, אָבער, פאַר די מאָראַלישע ליידן איז, אָן שום ספק דער מאַנגל אין וועלכער עס איז באַשעפטיקונג דאָס נישט האָבן וואו זיך אַהין צו טאָן, דאָס נישט זיין צוגעבונדן צו קיין שום באַשעפטיקונג און טעטיקייט, אָפּט דאָס געפיל פון זיין איבעריק, פון לעבן אַ לעבן פון פּאַריער, אָן שום אינהאַלט, אָן וועלכן עס איז אינטערעס, משפחה׳לאָז, אליין, עלענד — כמעט אַן אויסזיכטלאָז און ציל־לאָז לעבן.

עס דאַרף דאָך באַמערקט ווערן, אַז די זעלבסט־פאַרוואַלטונגען פון די לאַגערן באַמיען זיך אין דער ריכטונג פון שאַפן באַשעפטיקונג און אינטערעס פאַר זייערע איינוואוינער. אַמאָל פּאַסירט, למשל, אַז אַ לאגער באקומט אַ קוואַנטום בוי־מאַטעריאַל פון דער אמעריקאַנער ארמיי. גיבן זיך גלייך אַ לאָז אַ פּאָר הונדערט אידישע בוי־אַרבעטער, סטאָלאַרעס און שלאָסער צו דער אַרבעט צו בויען איניקע צוגאָב בנינים פאר פּליטים. אין גאַנצן לאַגער ווערט אַ באַוועגונג. מען איז זיך מחיה. דאָס געפיל פון קענען עפּעס לייסטן, פון איבעררייסן אַ פּוסט און פּאָס לעבן איז אַ מאָמענטאַלע פאַרלייכטערונג פארן שווערן געמיט, אַ באַרואיקונג פאַר די צעטרייסלטע נערוון. אָבער דאָס פּאַסירט נישט אָפט און דערפאַר איז דאָס לאַגער לעבן אַזוי מרה־שחורה׳דיק. איינצלנע גרופּן ספּעציעל פון פאַרטייען און יוגנט, דאַרפן אַרויסגענומען ווערן פון דעם כלל. אָבער זיי זיינען גיכער אַן אויסנאַם. דער גרויסער רוב פּליטים ליידט נישט ווייניק מאָראַליש פון דער אומענדלעכער באַשעפטיקונגס־לאָזיקייט און ליידיקגייערײ.

אַן אַנדער נעגאַטיווע דערשיינונג אין דעם פּליטים לעבן, וואָס איז אַ רעזולטאַט, פון איין זייט, פון די ביטערע מאַטעריעלע אומשטענדן, און, פון דער צווייטער זייט אויך פון דער מאָראַלישער דעפּרעסיע ביז דעגענעראַציע, איז דער האַנדל געביט. „האַנדל״ מיינט נישט בלויז באַשעפטיקן זיך מיט

פאַרשידענע מינים שפעקולאַציעס פון וואַלוטע און „שוואַרצן מאַרק" נאָר טאַקע אויך מסחר מיט דייטשן. עס איז שווער צו זאָגן ווי גרויס איז דער פּראָצענט אידן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די פּרנסות. עס איז אָנצונעמען, אַז דער פּראָצענט איז גאָר אַ קליינער. אייניקע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען איבן אויס אַ געוואַלדיקן מאָראַלישן דרוק קעגן די יחידים, וואָס מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט דעם רוב מנין פון אידישע פּליטים. ווער קאָן אָבער זאָגן צי דער מאָראַלישער דרוק איז גענוג ווירקזאַם אַ סוף צו מאַכן צו דער שענדלעכקייט.

אין אַ העקטאָגראַפירטן בולעטין פון אַ אידישן לאַגער אין בערלין געפינען מיר אונטערן קעפּל „בלוט און גאָלד" פאָלגנדע נאָטיץ וועגן דער טרויעריקער דערשיינונג:

„ווען מען גייט אַדורך אין אַ פאַרנאַכט און מען זעט ווי אויף געוויסע געסלעך שטייען פאַרשוינען אין דער געזעלשאַפט פון בלאָנד־האָריקע טעכטער פון׳ם קאַפּיטולירטן „הערן פאָלק" און מיט אַ שמייכל פון קרעמערישער העפ־לעכקייט פאַרהאַנדלען זיי דעם כבוד פון פאָלק, פון איד פאַר גאָלדענע סיגנעטן, באַפלעקטע מיט בלוט פון אָפּגעהאַקטן פינגער פון דיין מוטער און שוועסטער, גייט אַדורך אַ גרויל איבערן לייב. דער שמוציקער בליאַסק פון׳ם שענדלעך געקויפטן גאָלד שטעכט דאָס אויג. מען ווערט באַהערשט פון אַ געפיל פון עקל און פאַראַכטונג צו די וואָס זיינען טויב געבליבן צו דער שבועה, מיט וועלכער עס האָט זיי באַשוואָרן זייער אייגן בלוט און פלייש אין די לעצטע מינוטן פון לייד און פּיין, ביים לעצטן אויסהויכן די נשמה: קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן די מערדער און פייניקער. און עס באַפאַלט דיך אַ שרעקלעכער כעס און אַ ביטערער צאָרן אויף די, וועלכע וואַגן צו באַשמוצן דעם נאָמען און כבוד פון דיין פאָלק, וואָס איז דיר אַזוי ליב און טייער.

און ס׳שטעלט זיך אַ פראַגע: צי דען וועלן מיר נישט געפינען אין זיך דעם מאָראַלישן כח אָפּצושיידן מיט אַ וואַנט פון עקל און פאַראַכטונג אָט יענע געפאַלענע ברואים און זיי שטעמפּלען מיטן שטעמפּל פון שענדלעכן פאַר־ראַט, פון פאַרקויפטע נשמות? מיר מוזן דעם כוח אין זיך געפינען. ס׳מוז אויפ־געטרייסלט ווערן דאָס געוויסן פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין לאַגער. מיר מוזן אָנהויבן אַ קאַמף, אַן אומדערמידלעכן קאַמף פאַרן כבוד און פאַר דער מאָראַלישער ריינקייט פון אונזער פאָלק".

בדרך כלל אָבער איז די אויפפירונג פון די פּליטים אין די לאַגערן,

וואָס ווערט געלענקט דורך די זעלבסט־פאַרוואַלטונגען, אַ ווירדיקע. פאַר־שטייט זיך, אַז די געזונדסטע עלעמענטן פון אַלע שטאַנדפּונקטן זיינען די ציוניסטיש געשטימטע. און היות די זעלבסט־פאַרוואַלטונגען געפינען זיך אָפט אין די הענט פון נאַציאָנאַל געשטימטע מענטשן, צומאָל אפילו פון פועלי ציון חברים, איז דאָס משפיע צום גוטן אויפן גאַנצן לאַגער.

עס איז שווער זיך צו מאַכן אַ בילד פון די גענויע לעבנס־באַדינגונגען פון אידן אין די לאַגערן: וויפיל זיי באַקומען עסן, קליידונג; וואָס איז דער מצב פון זייערע דירות, היגיענע און אַ. וו. עס איז שווער וועגן דעם צו רעדן אין אַלגעמיינע טערמינען צוליב דער גרויסער פאַרשידנאַרטיקייט פון די לאַגערן אין די פאַרשידענע אָקופּאַציע־זאָנעס און אפילו אין דער זעלבער זאָנע. די בעסטע באַדינגונגען שיינען צו זיין אין געוויסע לאַגערן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד; די ערגסטע אין עסטרייך און אין איטאַליע.

אַין איינציקער ווילן פאַראייניקט די פליטים פון אַלע לאַגערן. דער ווילן וואָס גיכער אויסגעלעזט צו ווערן פון דעם ביטערן גלות. וואָס פריער זיך באַפרייען פון דעם שרעקלעכן מאָנאָטאָנעם תפיסה לעבן. וואָס וויטער אַוועק פון דער אומגעבונג און פון דער אַטמאָספערע, וואָס דערמאָנט כסדר זייער ביז איצטיק מורא׳דיק קאָשמאַר לעבן. ווערן צוריק פרייע מענטשן. וואָס קענען זיך באַוועגן און לעבן פון אייגענער אַרבעט.

ציוניסטישע ארבעטער באוועגונג אין די לאגערן

די איינציקע ליכטיקע דערשיינונג אין דעם חושכ׳דיקן לאַגער־לעבן איז די עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַלע אירע ריכטונגען און שאַטירונגען. אין אירע רייען געפינען זיך זיכער די מאָראַליש געזינדסטע און פסיכיש שלמות׳דיקסטע מענטשן, דער אַוואַנגאַרד און וועג־וויזער פאַר דער שארית הפליטה אין איר אומענדלעכן נע־ונד לעבן. בישטאָ קיין איין געביט אין דעם פאַרצווייגטן און קאָמפּליצירטן לאַגער־לעבן אין וועלכן די מענטשן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער מחנה זאָל ניט זיין אַקטיוו. די גרויסע אויסוואַנדערונג פון פּוילן און פון אַנדערע לענדער, די דורכוואַנ־דערונגען לעגאַל און אומלעגאַל דורך פאַרשידענע געביטן ביז צו דער איינ־אָרדנונג אויף אַ צייטווייליקן מקום־מנוחה זיינען כמעט אימער פאַרגעקומען דורך דער איניציאַטיוו און אונטער דער קאָנטראָל פון דער ציוניסטישער אַר־

בעטער באַוועגונג. זייער אָפט האָבן אונזערע מענטשן די ערשטע „אויסגע־טראָטן די וועגן", באַזייטיקט אַלע מינים שטערונגען אויף די פאַרשידענע דורכגענג און ערשט שפּעטער איז דאָס פאָלק זיי נאָכגעגאַנגען. אין דער הינזיכט איזווירקליך יעדער פון די מענטשן געווען דער „חלוץ העובר לפני המחנה".

זיי האָבן אויך אריינגעבראַכט גוזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין, נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און דאָס געפיל פון קאָלעקטיווער אחריות צווישן די פאַרוואָגלטע און געפּלאָגטע פּליטים. זייער חוש פאַר אָרגאַניזאַציע, פאַר קאָנסטרוקטיווע לייסטונגען, זייער אַרבעטסזאַמקייט און אויסדויער איז געווען פאַר די מאַסן אין די לאַגערן ממש אַן אַנטפּלעקונג און אַ טרייסט צוליב דעם געפיל, אַז עס איז דאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, אַן וועמען זיך אָנצושפּאַרן.

עס קאָן אָן שום צווייפל פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אויב פון די אַלע רדיפות און יציאות, פאַרן סוף פון דער מלחמה און נאָך דער באַפרייאונג, איז פון אידן נישט געוואָרן קיין תוהו ובוהו, קיין כאַאָס פון אַ מין האַלב ווילדער מאַסע בעטלער און שלעפּער, איז דאָס אַדאַנק דעם טיפן מאָראַלישן איינפלוס פון דער חלוצישער באַוועגונג. די חברים פון דער בריגאַדע, די חלוצים, פראָנט און געטאָ קעמפער, די פאַרטיזאַנען און אונטערגרונט פירער — דאָס איז געווען אונדזער אַרמיי, וואָס האָט געפירט די אידן אויף די סכנותדיקע וועגן, זיי באַשיצט און טיילווייז געשפּייזט; אַריינגעבראַכט אָרדענונג, אַריינ־געבראַכט דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע און נאַציאָנאַלער ווירדע אין די מאַסן, באַקעמפט דעמאָראַליזירנדע דערשיינונגען און דעגענעראַציע און אין גרויסע טיילן פון דער מאַסע פאַרפלאַנצט דעם גלויבן אין קיום האומה און אין ארץ ישראל. אויף דעם געביט פון איינשטעלן און אַנטוויקלען הכשרה פונקטן, פאַך־קאָאָפּעראַטיוון און בכלל פון פּראָדוקטיוו באַשעפטיקן טויזנטער מענטשן, האָבן זיי ממש באַוויזן וואונדער. מיט דעם ביסל שטיצע אין פאַרשידענע פאָרמען, וואָס זיי האָבן אין דער ערשטער צייט באַקומען „בירושה" פון דער בריגאַדע און מיט די אָרימע מיטלען, וואָס זיי האָבן אַליין מיט מסירת־נפש צונויפגעקליבן, האָבן זיי באַוויזן אויפצושטעלן פאַר זיך קליינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. ניט בלויז האָט עס אַ מאַטעריעלע באַדייטונג פון שטאַנדפּונקט פון באַשאַפן אַ צוגוב דערנערונגס־קוואַל און פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, מעגלעך צו מאַכן גרעסערע גרופּן צו לעבן פון אייגענער אַרבעט, נאָר עס וועט אויך האָבן אַ באַשטימטן ווערט ווען זיי וועלן קענען אַ טייל דערפון (למשל

די פאַך קאָאָפּעראַטיוון) מיטגעמען מיט זיך קיין ארץ ישראל, ווי זיי פּלאַנעווען צו טאָן בעת עס וועט קומען זייער ווייע עולה צו זיין.

ממש אומגלויבלעך זענען די אויפטואונגען פון אונזער באַוועגונג אין די לאַגערן אויף די געביטן פון דערציאונג און קולטור־אַרבעט. טויזנטער קינדער און יוגנטלעכע זיינען פיזיש און גייסטיק אויפגעריכטעט געוואָרן און האָבן געפונען אַ תּיקון אין אַן אַטמאָספערע פון אַרבעט, פרייהייט און אמונה. האַלבע און גאַנצע פאַרוואָגלטע יתומים, אויך קינדער און יוגנטלעכע פון צעבראָכענע און אויסגעפייניקטע פּליטים האָבן צוריקגעוואונען דעם צלם אלקים, אָנגעהויבן זיך צו לערנען און דערציען אַלס אידן און ציוניסטן, באַקומען אַ ציל אין לעבן און זיך אָנגעפּאַנגען מכשיר צו זיין פאַר חלוצישער אַרבעט אין ארץ ישראל. נישט קלענער איז דער אויפטו אין דער הינזיכט פון דער קולטור־אַרבעט צווישן די דערוואַקסענע. די צייטונגען און בולעטינען אין אידיש און אין העברעאיש, די בראָשורן און אפילו ביכער, די פאַרשידענע קורסן און פאָלקס־אוניווערזיטעטן, פאַרשטעלונגען, קאָנצערטן און וואָס איז שקול כנגד הכל, דאָס חלוצישע ליד — דאָס אַלץ איז געוואָרן גייסטיקער באַלזאַם פאַר דעם צעוויטיקטן גוף פון אידישן פּליט.

נאָר לײדער איז אַ גרויס אומגליק געשען אונזער באַוועגונג. דאָס איז די שפּאַלטונג אין דער אַרבעטער פּאַרטיי (מפא״י). פון דערווייטנס איז זיך שווער פאַרצושטעלן דעם פאַרנעם פון דעם אומגליק און די טיפקייט פון דעם תהום צווישן די ביידע לאַגערן. נאָר אויב עס קאָן נאָך געפונען ווערן וועלכע עס איז באַרעכטיקונג פאַר דער שפּאַלטונג אין ארץ ישראל, אויפן גרונט, אַז דאָס איז פאַרגעקומען ביי מער ווייניקער „נאָרמאַלע“ באַדינגונגען, אַלס רעזולטאַט פון, לאָמיר זאָגן, ביואַנסירטע אידעאָלאָגישע און קלאַסן אינטערעסן, מיט וואָס אָבער קען מען באַרעכטיקן דעם פּרישן ריס אין אַ באַוועגונג, וואָס איז ערשט אַרויס אויף דער ליכט, נאָך לאַנגע חושכ׳דיקע יאָרן פון אומקום און פאַרניכטונג, נאָך קאַמפן אויף די פראָנטן, אין די וועלדער און אין די געטאָס, אַ באַוועגונג וואָס איז געוואָרן דער עמוד האש פאַר פאַרפייניקטע אידן אויף די ביטערסטע גלות־וועגן ? מיט וואָס קען מען, למשל, פאַרענטפערן די פאַנאַנדערטיילונג אין די חלוצישע רייען אין די לאַגערן פון בייערן, וואו קיין שום פּראַקטישע אָדער פּראָגראַמאַטישע שטרייט־פראַגן, און זיכער אויך נישט קיין פראַגן פון וועלט־אָנשויאונג און ציל, זיינען נישט פאַראַנען, נאָר אַלץ איז „שפּעקולירט“ אויף דעם ביישפּיל פון דער שפּאַלטונג אין ארץ ישראל ? גלייך

נאָך דער באַפרייאונג איז געשאַפן געוואָרן די אַלגעמיינע חלוצישע אָרגאַני־זאַציע „נחם" (נוער חלוצי מאוחד). אין דער דערקלערונג בעת דער גרינדונג פון דער פאַרייניקטער החלוץ אָרגאַניזאַציע איז געזאָגט געוואָרן:

„דער ווילן צו שאַפן אַן אַלגעמיינע חלוצישע יוגנט באַוועגונג האָט זיך גענומען פון צוויי קוואַלן:

א) פון דעם באַוואוסטזיין אַז דער טראַגישער אידישער גורל איז גע־מיינזאַם פאַר דער גאַנצער אידישער יוגנט.

ב) פון דער טיפער איבערצייגונג, אַז דער איינציקער אויסוועג פאַר דער יוגנט איז דאָס עולה זיין קיין ארץ ישראל און דאָרט לעבן אַ לעבן פון אַרבעט, שאַפונג און פרייהייט.

די ביידע: דער באַוואוסטזיין וועגן דער געמיינזאַמקייט פון אידישן גורל און די איבערצייגונג, אַז נאָר אַן אייגענע פרייע אַרבעט־היים אין ארץ ישראל איז די לייזונג פון דער אידן פראַגע וועלן דינען אַלס פאַן אונטער וועלכער עס דאַרף זיך גרופירן די גאַנצע אידישע יוגנט אָן אויסנאַם פון רעכטס און לינקס".

די פאַרייניקונג האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. נאָך אייניקע חדשים פון דער עקזיסטענץ פון דער אַלגעמיינער יוגנט אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנ־געהויבן אַ סדרה שפּאַלטונגען. דער ערשטער איז אַרויס דער „ביתר" דאַן דער „השומר הצעיר", „דרור" און צום סוף אויך דער „הנוער הציוני". אַזוי אַז געבליבן אין „נחם" איז נאָר די מפא״י יוגנט, וואָס פירט אָן מיט אַן אייגע־נער החלוץ טעטיקייט.

און איצט עקזיסטירט נישט קיין שום פאַרייניקונג אָדער צוזאַמענ־אַרבעט אויף וועלכן עס איז געבויט מצד די פאַרשידענע ריכטונגען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. יעדע ריכטונג פירט די אַרבעט לויט איר איינזען און מעגלעכקייטן. יעדע פאַרטיי האָט אירע קבוצים, יוגנט אָרגאַ־ניזאַציעס, קינדער אנשטאַלטן א. א. וו. אין פאַריז האָב איך געזען צווישן די ניי אָנגעקומענע קינדער פון פוילן 6 און 8 יעריקע מיידעלעך און אינגעלעך, וואָס „באַלאַנגען" צום „דרור", „השומר הצעיר", „גורדוניה" און „נוער הציוני". יעדע גרופּע האַלט זיך צוזאַמען און באַזונדער פון די אַנדערע גרופּן. נישטאָ קיין קאָנפליקטן צווישן די גרופּן, אָבער נישטאָ אויך קיין מגע ומשא.

אין פוילן איז דורך אונזערע באַמיאונגען אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פון אַלע ריכטונגען פונ׳ם לאַגער פון אַרבעטנדן ארץ

ישראל פאַר דעם געביט פון אונזער הילפס אַרבעט. מיר האָבן וועגן דעם אויך פאַרהאַנדלט מיט די ריכטונגען אין די לאַגערן, אָבער צוליב מאַנגל אין צייט איז נישט געווען מעגלעך אָנצוגיין מיט די באַמיאונגען. עס וועט זיין אַ גוטע זאַך אויב אונזער וויטערדיקע הילפס אַרבעט וועט זיין אינסטרומענטאַל פאַר אַזאַ צוזאַמענאַרבעט צווישן די ריכטונגען פון דער אַרבעטער באַוועגונג אין די אַנדערע לענדער. דאָס וועט זיין אַ טובה פאַר דער עצם הילפס אַרבעט און אַ וויכטיקע לייסטונג פאַרן ציוניזם און בפרט פאַר דעם אַרבעטער ציוניזם.

דייטשלאַנד
אַמעריקאַנער זאָנע

די פאַרטיי „הסתדרות הציונית האחידה" (מפא"י) ציילט היינט צו טאָג אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד (אויף דער אַלגעמיינער צאָל פליטים פון 160 טויזנט) 20 טויזנט חברים, אין אַלע אירע אָפּצווייגן, וואָס באַשטייען פון:

העובד — די אָרגאַניזאַציע פון האַנדווערקער און אַרבעטנדער אינטעליגענץ פאַר פאַך־אויס־בילדונג און פאַרפולקאָמונג, פאַר קאָאָפּעראַטיון, וואָס זאָלן פאַרזעצן זייער קיום אין ארץ־ישראל — — — — — — — — — — — בערך 3000 חברים

נחם — חלוצישע יוגנט פון דער פאַרטיי — — בערך 7500 חברים

הסתדרות לוחמים עברים — די אָרגאַניזאַציע פון אידישע קעמפער און פאַרטיזאַנען — בערך 3500 חברים

אירגון נשים — די פרויען אָרגאַניזאַציע, וואָס אַנטשפּרעכט דער אַרבעטער פרויען אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל — — — — — — — — בערך 1000 חברות

אַחוץ דעם זיינען פאַראַן אַ 4־5 טויזנט חברים, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין דער פאַרטיי, ניט זייענדיק באַזונדער אָנגעשלאָסן אין קיין שום ספּעציעלער ראַם פון דער באַוועגונג *).

די העובד אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט אין מערץ, 1946.

*) אַלע אָנגעגעבענע ציפערן זיינען באַזירט אויף די שריפטלעכע באַשטעטיקונגען פון די באַזונדערע פאַרטיי צענטראַל־קאָמיטעטן.

פון קרוב 3000 חברים געפינען זיך 800 אין די קבוצי הכשרה, ביז היינט זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן דורכן „העובד" 10 קאָאָפּעראַטיוון פון פאָלגנדע פאַכן: 2 פּאָר שוסטעריי, 1 פּאָר סטאָלעריי, 1 פּאָר פישעריי, 1 צעראַמיק, 3 שניידעריי, 1 שלאָסעריי, 1 טריקאָטאַזש.

אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע געפינען זיך איבער 600 שניידער, 264 שוסטער, 163 סטאָלערס, 100 עלעקטראָטעכניקער, 100 בלעכער, 164 ספּעציאַליסטן פון טריקאָטאַזש, 176 שלאָסער. דורך אַ געוויסער פּערמאַנענטער שטיצע איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט אריינצוציען גרויסע צאָלן נייע חברים אין פּראָצעס פון אַרבעט דורך דער אויפשטעלונג פון נייע קאָאָפּעראַטיוון. די מאַשינען און די געהעריקע צוגאָב־מכשירים קענען געקויפט ווערן אין דייטשלאַנד זייער ביליג. די אויסרעכנונג פון די חברים איז מיטצונעמען מיט דער צייט די מאַשינען קיין ארץ ישראל און דאָס קאָן זיין אַ גרויסער געווינס פאַר דער ארץ ישראלדיקער ווירטשאַפט.

א וויכטיקע און אָנגעווייטיקטע פראַגע שטעלט מיט זיך פאַר דער שלעכטער געזונט־מצב צווישן די חברים. דער אַלגעמיינער געזונדט צושטאַנד, ספּעציעל צווישן דער גרויסער צאָל אינוואַלידן פון דער פּאַרטיזאַנען גרופּע, איז קאַטאַסטראָפאַל. זיי נויטיקן זיך אין היילונג, צוגאָב דערנערונג, אָפּרו אויסערהאַלב דעם לאַגער. גאָר דרינגענד איז אויך — לויט די באַריכטן — די שטיצע פאַר די אָנגעקומענע חברים. 2000 חברים, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פּוילן מיט צוויי חדשים צוריק, זיינען ביז היינט, צוליב מאַנגל אין וועלכע עס איז מיטלען, נישט באַזאָרגט געוואָרן אין דער מינדסטער מאָס. פירנדע און אַקטיווע חברים, וואָס טראָגן אויף זיך דעם עול פון שווערער פאַראַנטוואָרטליכער אַרבעט, האָבן נישט קיין מלבושים, קיין שיך און די מינימאַלסטע געלט־מיטלען אויף צו באַפרידיקן די נויטווענדיקסטע באַדערפעניש. „נחם" ציילט 7500 חברים פון וועלכע 1500 געפינען זיך אין 19 לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמעס. די איבעריקע געפינען זיך אין קרוב 50 קבוצים און זיינען צעשפּרייט אין כמעט אַלע לאַגערן. זיי נויטיקן זיך אין שטיצע פאַר זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמעס, קבוצים אין די לאַגערן, פאַר זייערע קינדערהיימען און קולטור־צענטערן.

די פּאַרטיי פועלי ציון (צ. ס.) אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד ציילט איבער 10 טויזנט חברים, פון וועלכע

אין „העובד" קבוצים — — — — — — — — — — — — — — 1850 חברים
אין „העובד" סניפים — — — — — — — — — — — — — — 1500 חברים
אין „דרור" קבוצים — — — — — — — — — — — — — — 4000 חברים
אין „דרור" סניפים — — — — — — — — — — — — — — 1500 חברים
אין קינדער היימען — — — — — — — — — — — — — — 1815 חברים

צוזאַמען 10,665

אַרום די קינדער זיינען באַשעפטיקט איבער 100 מדריכות און 80 לערער. דער עלטער פון די קינדער איז פון 9 ביז 17; פון „דרור" פון 17 ביז 26; פון „העובד" פון 26 ביז 40 יאָר.

אין דעם אָפיציעלן מעמאָראַנדום פון דער פועלי ציון לייטונג צום ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט ווערט געזאָגט: „אונזערע גרויסע און שווערע אויפגאַבן אין די לאַגערן באַשטייען אין טראָגן ממשותדיקע הילף, אין מוטיקן, אויפקלערן און פאָרזעצן די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די אידן, וואָס אונזער באַוועגונג האָט אָנגעהויבן אין פוילן — שאַפן וואַרשטאַטן, לערנען די יוגנט פאַכן, איינאָרדענען ווירטשאַפטלעכע פערמעס, אָרגאַניזירן העברעאישע שולן, אָוונט קורסן, פאָלקס־אוניווערזיטעטן. גרויזאַם שווער איז אונזער אַרבעט אָן יעדער מאַטעריעלער הילף. מיר פרעגן אָפטמאָל: צי זאָרגט ווער פאַר אונזער באַוועגונג אין די לאַגערן, צי פאַרנעמט זיך עמיצער מיט אונזער גורל? צי טראַכט עמיצער וועגן דער הילף אין וועלכער מיר נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק?!"

„אונזערע קינדער־קבוצים אַנטהאַלטן אין זיך מערסטנטייל קינדער אָן עלטערן, קיילעכדיקע יתומים, וועמעס עלטערן זיינען אומגעקומען אין די לאַגערן, תפיסות; קינדער וועלכע זיינען אין פוילן געווען אין קלויסטערס ביי די מאָנאַשקעס און ביי סתם קריסטן, וואָס האָבן זיי אָפּגע'שמד'ט. מיר האָבן זיי אַלע צונויפגעקליבן, מיט אייער הילף, אויסגעקויפט, פון פרעמדע הענט און אומגעקערט צו אונזער פאָלק. די לאַגע אונזערע איז אַ זייער שווערע. טויזנטער חברים אונזערע, פּאַופּעריזירטע און אַרויסגעשטויסענע פון זייערע היימען און פרנסות, געפינען זיך אין גרויס נויט. אונזער פּאַרטיי, קינדער־קבוצים, „דרור" און „העובד" שטייען פאַר גרויסע מאַטעריעלע שוועריקייטן, צוליב דער לאַגע אין דייטשלאַנד און צוליב דער אידישער אָרעמקייט. מיר לאַדן איך איין צו באַזוכן בייערן און אָפּשאַצן אונזער אַרבעט. באַזוכט אונ־

זערע קינדער „דרור" וואַרשטאַטן און קלובן — וועט איר אָפּשאַצן אונזערע נויטן, באַדערפענישן און אויפגאַבן און איר וועט זען די גרויסע דערגרייכונגען פון אונזער באַוועגונג. מיר ווענדן זיך צו אייך, חשוב'ע חברים פון אַמעריקע, מיט אַן אַפּיל: העלפט אונז אין דער שווערער צייט! ווייל נאָר פון אייער הילף איז אַ סך אָפּהענגיק אונזער גרויסע אַרבעט, אונזער גרויסע זאָרג און שטאָלץ — אונזערע קינדער און יוגנט קבוצים, „העובד"־קבוצים און אונזער גאַנצע טעטיקייט".

בערלין

אַמעריקאַנער־פראַנ־צויזישע זאָנע

אין בערלין עקזיסטירט אַ פאַראייניקטע פּאַרטיי פּועלי ציון (צ. ס.) — התאחדות מיט 740 חברים. דערפון אין „העובד" 250 חברים, „נחם" — 160 חברים, הסתדרות לוחמים עברים" 130 חברים, נישט אָרגאַניזירטע אין קבוצים 200 חברים. אין זייער מעמאָראַנדום צום ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט ווערט געזאָגט: „די ספּעציפישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך די בערלינער לאַגערן בכלל און דער געביט פון אונזער פּאַרטיי אַרבעט בפרט, פאָדערט אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט מצד אונזערע באַוועגונגס־אינסטאַנצן אין אַמעריקע. זייענדיק אַרומגערינגלט פון דער רוסישער זאָנע, זייענדיק געבונדן דורך געזעצן פון דער קאָנטראָל־מאַכט, וואָס פאַרבאָט יעדע פּאָליטישע טעטיקייט אין די לאַגערן פון בערלין — ווערט אונזער אַרבעט געפירט אויף קאָנספּיראַטיווע אופנים. מיר מוזן ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אויפן פאַקט, אַז בערלין איז די ערשטע אויפנאַם־סטאַנציע פאַר אידן, וואָס קומען פון פּוילן אָן שום מאַטעריעלע מעגלעכקייטן פון עקזיסטענץ. דורך אונזער אָרגאַניזאַציע אין בערלין זיינען דורכגעגאַנגען קיין בייערן (אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד) צענדליקער קבוצים פון „נחם", „העובד" און הונדערטער חברים פון אונזער באַוועגונג נישט אָרגאַניזירט אין קבוצים. עס איז אונזער הייליקע פליכט אויסצושטרעקן אַ חבר'שע האַנט צו אונזערע מענטשן, וואָס קומען אָן אויסגעהונגערט, מיד און אָפּגעריסן. צו אונזער גרויסן צער מוזן מיר אָפט בלייבן ביי דעם גוטן ווילן, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט זיי מיט עפּעס צו שטיצן".

די 740 חברים פון דער פּאַרטיי געפינען זיך אין 3 לאַגערן. (2 אין דער אַמעריקאַנער זאָנע און 1 אין דער פראַנצויזישער זאָנע). ביי דער פּאַרטיי עקזיסטירט אויך איין אַנשטאַלט מיט 95 קינדער פון חברים, 3 העברעאישע

שולן, שפּראַכן־קורסן (פֿאַר ענגליש און העברעאיש) ווי אויך פֿאַך־קורסן. אויפֿן געביט פֿון הכשרה, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן וואַרשטאַטן פֿאַר שוס־טער, שניידער, פּריזירער (באַרבער) און עלעקטראָטעכניקער, אַרום וועלכע עס זיינען באַשעפֿטיגט אַן ערך 180 חברים. דער מאַנגל אין רוישטאָפֿן (נעגל, לעדער, פֿאָדעם, נאָדל) ווי אויך אין ניי מאַשינען, אינסטרומענטן און דער עיקר, אין מאַטעריעלער הילף, איז אַ גוואַלדיקע שטערונג אין דער אַרבעט און אַן אָפּהאַלט פֿאַר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

דייטשלאַנד

בריטישע זאָנע

אַ באַדייטענדע צאָל אידן געפֿינען זיך אין דעם באַרימטן בער־גען־בעלזען לאַגער. די פּאַרטיי פּועלי ציון (צ. ס.) התאחדות אַליין האָט 2000 חברים אין דער בריטישער זאָנע אין דייטש־לאַנד. דערפֿון „נחום" 800, „העובד" 360 און 800 הונדערט פּאַרטיי חברים. ביי דער פּאַרטיי זיינען אָרגאַניזירט אָוונט קורסן, אַ סעמינאַר, קינדער שולן, 2 לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿערמעס מיט 80 חברים (אין אַלטעס־היים ביי דיסעלדאָרף און אין ברוישווייג). ביי די וואַרשטאַטן פֿון שוסטעריי און סטאָלעריי זיינען באַשעפֿטיקט 120 חברים.

אין דער ווענדונג פֿון די גירנדע חברים צום ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט ווערט געזאָגט: „די לאַגע אין דער בריטישער זאָנע אין דייטשלאַנד איז זייער קריטיש זייט דעם טאָג, וואָס מיר זיינען באַפֿרייט געוואָרן, דערוווי־סנדיק זיך באַלד, אַז מיר האָבן מער נישט קיין היים וואוהין צוריק־צוקערן (דאָס זיינען געוועזענע „תושבים" אין דעם ביטערן קאָנצענטראַציע לאַגער בערגען־בעלזען)".

„די פּאָליטישע לאַגע אין דער בריטישער זאָנע ווערט דיקטירט דורך דער זעלבער מאַכט, וואָס אין ארץ ישראל. קענט איר פֿאַרשטיין אין וועלכער לאַגע מיר געפֿינען זיך. ביי יעדער אַקציע, וואָס ווערט אונטערגענומען דורכן ישוב פֿאַר דער שארית הפליטה, דערפֿילן די ערשטע די האַמער־קלעפּ די איבערגעלעבטע און איבערגעבליבענע אידן אין דער בריטישער זאָנע. אונזער פֿרייהייט בלייבט באַגרעניצט. אָבער די, וועלכע האָבן אָנגעפֿירט די מאַסן־מאָרדן, לעבן אין זייערע היימען און באַוועגן זיך פֿריי. נאָר מיר, די קרבנות, די באַרויבטע און באַשפּיגענע, לעבן אין לאַגערן. און אפֿילו די קליינע צאָל אידן, וואָס געפֿינען זיך אין די שטעט, לעבן אויך איבער דאָס געפֿיל פֿון אַ

שעפּסל צווישן אַ סטאַדע הונגעריקע וועלף, הונגעריק נישט נאָך אונזער שטיקל ברויט, נאָר נאָך אונזער בלוט".

„הונדערטער חברים מיט זייערע משפּחות און קליינע קינדער בעטן ביי אונז הילף, אָבער מיר האָבן נישט פון וואַנען די הילף צו נעמען. דער פאַקט, וואָס מיר זיינען נישט ביכולת בייצוהעלפן מיט עפּעס אונזערע חברים מאַכט אונז זייער טרויעריק. מיר פאַרשטייען אונזער חוב אָבער מיר קאָנען אים נישט דערפילן. מיט אַביסל שטיצע וואָלטן מיר געווען בכח צו באַשעפ־טיקן אַ צאָל חברים פאַך־מענער און דאָס וואָלט פאַר אונז געמיינט שטיצע פאַר די ניי־אָנגעקומענע חברים פון פּוילן און אונגאַרן, טיילנדיק זיך מיט זיי".

עסטרייך ביטער איז די לאַגע פון אידישן פּליטים־צבור אין עסטרייך (בערך 30 טויזנט אידן). עסטרייך איז געווען אַ וויכטיקער דורכגאַנג, דורך וועלכן צענדליקער טויזנטער אידן האָבן געמאַכט דעם מאַר־שרוט פון רוסלאַנד, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע קיין בייערן און איטאַליע. זיי־נען די גרעניצן פּלוצים אָפּגעשלאָסן געוואָרן און בערך 30 טויזנט אידן זיינען געבליבן „שטעקן" אין עסטרייך. די לאַגערן, אין וועלכע זיי געפינען זיך זענען אָפּט די זעלבע קאָנצענטראַציע לאַגערן אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן, אין וועלכע טויזנטער אידישע קדושים זיינען אומגעקומען. דער לאַגער „עבענזעע", למשל, איז אין היטלערס צייטן געווען אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. די קרעמאַטאָריום־אויוונס שטייען נאָך דאָרטן ביזן היינטיקן טאָג. עס געפינט זיך דאָרט אויך אַ גרויסער ברודער־קבר פון עטלעכע צענדליק טויזנטער אומ־געבראַכטע אידן. און אין דעם זעלבן לאַגער וואוינען נאָך היינט 1500 אידן.

דאָס וואוינען אין באַראַקן, אין וועלכע מעןליידט פון קעלט און רעגן, און די שלעכטע דערנערונג פאַראורזאַכט פיל קראַנקהייטן און אפילו שטערב־לעכקייט צווישן די פּליטים. אין איין עסטרייכישן לאַגער זיינען מיט אַ קורצער צייט צוריק אין איין וואָך געשטאָרבן 8 קינדער. אַלע פאַרטרעטער פון אונ־זער באַוועגונג אין עסטרייך האָבן ביטערע טענות צו די דאָרטיקע „דזשוינט" פונקציאָנערן, וועלכע ווערן פון זיי באַשולדיקט אין ביוראָקראַטיזם, גלייכגילטי־קייט פאַר די אומגליקלעכע און מיסווירטשאַפט. דאָס עסן פון אַן איינוואוי־נער אין אַ לאַגער באַשטייט פון אַ האַלב פונט ברויט אויף אַ גאַנצן טאָג. אַ האַלב פערטל פונט פלייש, 2 אונציעס מאַרגאַרין, שוואַרצע קאַווע אינדער־פרי; מיטאָג — זופּ און אַביסל וועדזשעטעבלס; אָוונט — בלויז שוואַרצע

קאָווע. פּאָר קינדער אין אָוונט — אַ קליין בולקעלע מיט אַ גלעזל מילך. דאָס ווערט געגעבן פון דער „אונראַ" שוין צוזאַמען מיטן „דזשוינט". איבער די שרעקלעכע וואוינונג־באַדינגונגען אין די קאַלטע ווינטער חדשים, דעם מאַנגל אין מלבושים און די געזונדס אָפּגעשוואַכטקייט פון די פּליטים, ספּעציעל פון די פרויען און קינדער. איז אַזאַ מיזעראַבעלע דיעטע עלול נאָך מער צו פאַרגרעסערן די צאָל קראַנקהייטן און אפילו די שטערבלעכקייט צווישן די איינוואוינער אין די לאַגערן.

אין עסטרייך עקזיסטירט אַ פּאַרייניקטע פּועלי ציון־התאחדות פּאַרטיי און אַחוץ דעם אַ באַזונדערע פּועלי ציון פּאַרטיי. די פּועלי ציון התאחדות (אין דער אַמעריקאַנער און ענגלישער זאָנע) ציילט אַרום 2300 נפשות. צווישן זיי ביז 300 קינדער. 450 פון די חברים זיינען אָרגאַניזירט אין די קבוצים פון „העובד" ע"ש בערל קאַצענעלסאָן. די יוגנט באַוועגונג „גורדוניה־מכבי הצעיר" ציילט 1400 חברים, דערפון 550 אין לאַגער זאַלפעלדן, 400 אין די לאַגערן פון אויבער־עסטרייך, 350 אין די לאַגערן פון זאַלצבורג, 120 קינדער אין די יוגנט קבוצות. די יוגנט אָרגאַניזאַציע פון „נחם" ציילט אין די קבוצים 350 נפשות.

די פּועלי ציון (צ. ס.) אין עסטרייך האָט 7 „העובד" קבוצים מיט 570 חברים, 12 קבוצים פון „דרור" מיט 450 יוגנטלעכע, 10 סניפים פון „דרור" אין די לאַגערן מיט 200 חברים. אַחוץ דעם 3 קינדער קבוצים (קינדער פון פּאַרטיי חברים און אויך יתומים) מיט 185 קינדער *).

די פירנדע חברים פון ביידע פּאַרטייען האָבן פון אונז געבעטן דרינגענדע הילף אין אַלע פאַרמען, ספּעציעל אויפן געביט פון קענען קויפן מכשירים און דערמעגלעכן אַ צאָל חברים צו אַרבעטן.

איטאַליע

אין איטאַליע, וואו עס לעבן 20 טויזנט אידישע פּליטים, איז אין איין הינזיכט די לאַגע בעסער ווי אין די אַנדערע לענדער. זיי פילן נישט אַרום זיך אַזאַ פאַרסמטע לופט פון נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם, ווי

*) אין עסטרייך, פּונקט ווי אין די פריער דערמאָנטע לענדער, געפינען זיך אויך גרופּן פון „השומר הצעיר" מיט אייגענע קבוצים, קינדער־היימען. אָבער ליידער האָבן מיר נישט באַוויזן צונויפצושטעלן גענויע ציפערן און פאַקטן וועגן זייערע צאָלן און טעטיקייטן.

די אידן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. זייער באַציאונג צום איטאַליענישן פאָלק איז פול מיט דאַנקבאַרקייט פאַר דעם צייטווייליקן מקום מנוחה אויף די ווייטערדיקע וואַנדער־וועגן. אויף אַ שער־בלאַט פון אַ בראָשור פון דער צענטראַלער פליטים אָרגאַניזאַציע געפינט זיך די פאָלגנדע אויפשריפט:

„אויף אונזער שווערן וואַנדער־וועג, ביים אַרויסגאַנג־טויער פון איי־ראָפּע, זיינען מיר אויפגענומען געוואָרן מיט אויפריכטיקער גאַסטפריינט־שאַפט. מיר וועלן פאַרלאָזן איטאַליע מיטן געפיל פון טיפער דאַנקבאַרקייט צום איטאַליענישן פאָלק".

וואָס שייך, אָבער, דער נויט און דחקות פון די אידישע פליטים אין איטאַליע, שטייגט דאָס נאָך וואַרשיינלעך איבער די אַנדערע לענדער, וואו אידן געפינען זיך אין די לאַגערן.

די לאַגערן אין איטאַליע זיינען באַזוכט געוואָרן דורך חבר לואיס סי־גאַל און געוויסע בילדער, וואָס ווערן דורך אים געשילדערט איבער דעם פיין און אומגליק, ספּעציעל פון די ניי צוגעקומענע פליטים, איבערשטייגן יעדע פאָרשטעלונג פון אונזער פאַנטאַזיע. וואָס קאָן זיין שרעקלעכער ווי דאָס בילד פון אַן אנקומענדער גרופּע פון בערך 100 פליטים, מענער, פרויען און קינדער, אויסגעהונגערט, אָפּגעשוואַכט און אָפּגעריסן, וועלכע קענען אפילו קיין שמו־ציק געלעגער אין קיין לאַגער נישט באַקומען, ווייל אַלץ איז פאַרפילט? נאָך אַ בריחה מאַרשרוט פון פוילן קיין איטאַליע, איבער טאָלן און בערג געפינען זיי בלויז אַ קאַלטע שטיינערנע פּאָדלאָגע וואו זייערע מידע גופים אָוועקצולייגן.

אין אַזעלכע אומשטענדן, ביי אַזאַ שרעקלעכער אָרימקייט עקזיסטירט און ווירקט די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג מיט אירע קבוצים, יוגנט־קלובן, קינדער־היימען, העברעאיש־אידישע שולן. זיי בעטן פון אונז הילף, אונטערשטייטצנדיק, אַז מיר זיינען די איינציקע, וועלכע האָבן אַ חבר'שע היי־ליקע פליכט און די מעגלעכקייט זיי צו העלפן.

פוילן

פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַלע טיילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, מיט וועמען מיר האָבן אָפּ־געהאַלטן זיצונגען, און פון דעם וואָס עס האָבן אונז איבערגעגעבן שליחים פון ארץ ישראל, וואָס זיינען נאָרוואָס געהאַט געקומען פון פוילן (דערונטער חבר רייס) איז די אידישע לאַגע אין פוילן אַלץ ווי אויף אַ וואולקאַן. עס איז שטיל, אָבער יעדע מינוט קען דאָס אויסברעכן. אידן אַנטלויפן לעצטנס ווייי־

ניקער צוליב דריי טעמים: 1) די אַנפאַלן אויף אידן האָבן זיך אַביסל איינגעשטילט; 2) די מיט שניי באַדעקטע וועגן אין די ווינטער חדשים מאַכן אוממעגלעך צו „שוואַרצן״ גרעניצן; 3) די אויסזיכט — אין בעסטן פאַל — פון מוזן בלייבן ערגעץ אין אַ לאַגער אַן מעגלעכקייט אויף ווייטערדיקער עמיגראַציע. זאָל אָבער, חלילה, זיך פאַרשאַרפן דער אַנטיסעמיטישער קורס, אַט ווי ער איז געווען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, וועלן די אַנדערע צוויי סיבות נישט זיין קיין „מניעה״ און אידן וועלן אָנהויבן ווייטער אַנטלויפן. די באַציאונג צו דער רעגירונג איז גיכער אַ פּאָזיטיווע: זי ראַטעוועט קודם כל פוילן פון רעאַקציע און פאַשיזם. מיט איין וואָרט: אידן זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם פאַרבלייבן פון דער רעגירונג, הגם דאָס איז נישט קיין פאַרזיכערונג, אַז עס וועלן זיך מער נישט איבער׳חזר׳ן קיין פּאָגראָמען און אַז אידן וועלן נישט מוזן פאַרלאָזן פוילן.

אונזער באַוועגונג אין פוילן. אין אַלע אירע אָפּצווייגן, פירט אַ זייער אַקטיווע טעטיקייט אויף אַלע געביטן. די צאָל מענטשן אין די קבוצים און אין די קינדער־היימען ווערט נישט וויניקער. די אויסוואַנדערונג פון גרופּן קיין דייטשלאַנד און עסטרייך האָט דערמעגלעכט אַריינצונעמען נייע מענטשן אין די קבוצים. אויף דעם פּלאַץ פון די אַרויסגעשיקטע קינדער, זיינען צוגעקומען די נייע אויסגעלייזטע קינדער פון גוישע הענט. אויף דער קאָנפערענץ פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אין באַזעל האָט חבר לייבל (אַ שליח פון ארץ ישראל קיין פוילן) געמאָלדן וועגן 300 הונדערט קינדער, וואָס זיינען אין די לעצטע חדשים אויסגעלייזט געוואָרן מיט אונזערע ערשטע געלדער. די אַרבעט ווערט געמאַכט דורך דעם „ציוניסטישן קאָאָרדיניר קאָמיטעט פאַר קינדער אויסלייזונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן בעת חבר סיגאַל׳ס באַזוך אין פוילן אָנהויב 1946 (מיר גיבן צום סוף פון דער בראָשור די נעמען פון אַלע אויסגעלייזטע קינדער און זייער אָפּשטאַמונג).

דער קאָמיטעט פאַר אונזער הילפס־אַרבעט אין פוילן, אין וועלכן עס זיינען פאַרטראָטן אַלע ריכטונגען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַרבעט אין אַ פולשטענדיקער האַרמאָניע. די דורך אונז איבערגעשיקטע בערך 100 טויזנט דאָלער אין די לעצטע חדשים, ווי אויך די טראַנספּאָרטן שפּייז, קליידער, קאָלדרעס זיינען צעטיילט געוואָרן לויט דער פאַרשטענדיקונג פון אַלע ריכטונגען, ווי עס איז גוטגעהייסן געוואָרן דורכן ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אין ניו יאָרק.

די פאָדערונגען צו אונז מצד די חברים פון פוילן זיינען געווען פאַר גרעסערע הילפס מיטלען. אין דער וויכטיקסטער מאָס זיינען די אַלע אויפ־געשטעלטע פּאָזיציעס אָפּהענגיק פון אונזער הילף, וואָס מוז קומען אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך. אַנדערש קאָן דאָס מיינען אַ רעדוקצירונג פון די קבוצים, קאָאָפּעראַטיוון, אומזיסטע קיכן, שטיצע פאַר קראַנקע חברים, דאָס אָפּשטעלן פון ווייטערדיקער קינדער אויסלייזונג — אַ פּאַראַליזירונג און אַ קאַטאַסטראָ־פע פאַר דער גאַנצער אַרבעט.

אין באַזעל האָבן מיר אויך רעאָרגאַניזירט דעם סעקרעטאַריאַט פון אונזער הילפס אַרבעט אין פוילן, ספּעציעל אויף די געביטן פון עמיגראַציע, באַזאָרגונג פון געלדער פאַר געזעלשאַפטן און יחידים, ווי אויך די אויפזוכונג און הילף פאַר קרובים אין פוילן פון אונזערע חברים און פריינט דאָ אין אַמע־ריקע.

אונגאַרן

צום ערשטן מאָל האָבן מיר אין באַזעל געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט פירנדע חברים, צווישן זיי וועטעראַנען פון אונזער באַוועגונג, אין אונגאַרן. פאַר זיי איז דאָס געווען אַ געלעגנהייט אונז אויס־צודריקן אַ דאַנק פאַר די דערהאַלטענע פון אונז טראַנספּאָרטן שפּייז און אונז איבערגעבן וואָס דאָס מיינט פאַר זיי אַלס הילף אין זייער גרויסער אָרימקייט. אונזער באַוועגונג אין אונגאַרן קומט אויס זיך שווער צו ראַנגלען פון איין זייט, מיט דעם אידישן קאָמוניסטישן פאַקטאָר, וואָס איז אַ קרוב למלכות, און, פון דער צווייטער זייט, מיט דער טראַדיציאָנעלער דאָרטיקער אַסימילאַציע, מיט וועלכער אויך געוויסע „דזשוינט“ פונקציאָנערן זיינען דורכגעפּרעסן.

פון די 750,000 טויזנט אידן אין אונגאַרן זיינען פאַרבליבן אַרום 170 טויזנט, אַחוץ אַ 20־30 טויזנט משומדים. די צאָל אידישע קינדער איז בערך 15 טויזנט, די מערהייט יתומים. פון די 170 טויזנט אידן וואוינען 110 טויזנט אין בודאַפּעסט און איבער 70 פּראָצענט פון זיי מוזן אָנקומען נאָך שטיצע.

אין דעם מעמאָראַנדום, וואָס די אונגאַרישע חברים האָבן אונז צוגע־שטעלט, ווערט געזאָגט: „אין בודאַפּעסט אַליין איז פאַראַן אידישע נויט און אָרימקייט, וואָס איז נישט פאַרצושטעלן זיך. אידישע קינדער וואַלגערן זיך אין וויסטע געסלעך און מיר קענען זיי נישט אויפזאַמלען צוליב מאַנגל אין מיטלען. דערוייל פאַרשטאַרקט זיך די טעטיקייט פון די אידישע קאָמוניסטן דורך זייערע אייגענע הילפס אַנשטאַלטן. אויך אין „דזשוינט“ גופא זיינען דאָ

פאַקטאָרן, וואָס קוקן שלעכט אויף דער הילף פאַר די חלוצישע באַוועגונגען און ציוניסטישע קינדער־היימען און זיי ווילן אונז שטערן אויף פאַרשידענע וועגן. דער געראַנגל מיט זיי ווערט אַלץ שאַרפער און מיר קענען נישט וויסן וואָס מאָרגן וועט זיין. די אונגאַרישע רעגירונג געפינט זיך אונטער אַ וואַק־סנדיקן סאָוועטישן איינפלוס און ווער ווייסט וויפיל צייט ס'איז אונז געבליבן פאַר אַרבעט צווישן אידן. מיר מוזן זיך פאַרבערייטן, מיר מוזן אָנצינדן מיט ציטער יעדער אידיש האַרץ, ווייל ס'איז מעגלעך, אַז מאָרגן וועט צווישן אונז און זיי אַוועקגעשטעלט ווערן אַ כינעזישע וואַנט און זייער גורל וועט זיין דער זעלבער ווי דער גורל פון רוסישן אידנטום.

אונגאַרן איז היינט אַ לאַנד פון עליה. טויזנטער חלוצים זיינען שוין אַוועק מיט דער העפלה קיין ארץ ישראל און די מעגלעכקייטן זיינען דערווייל אומבאַגרעניצט (אויף דער אומלעגאַלער שיף „כנסת ישראל" זיינען אויף 4000 עולים געווען 1700 אונזערע חברים). די מעגלעכקייטן פון עליה האָבן גע־בראַכט אַ שטראָם פון אינפילטראַציע אַהער פון רומענישע אידן און מיר שטיי־ען פאַר דער טרויעריקער לאַגע, וואו הונדערטער רומענישע חלוצים קלאַפּן אין אונזערע טירן און מיר קענען זיי נישט העלפן. אונזער אָפּהענטיקייט זיי צו העלפן איז גורם אַז די מאַכט זאָל זיי אַרעסטירן און אייַנזעצן. זיי ליידן שווער און ביטער. דער „דזשוינט" אָנטזאָגט זיך זיי צו העלפן. זיי זיינען דאָך „פרעמדע".

טראָץ, אָבער, אַלע שוועריקייטן, צוליב דעם קאַמף פון די אַנדערע ריכטונגען און צוליב מאַנגל אין מיטלען, איז די ציוניסטישע אַרבעטער באַ־וועגונג זייער פּאָפּולער צווישן דער שארית הפליטה אין אונגאַרן. איר אַנ־הענגערשאַפט האַלט אין איין וואַקסן. בלויז דער „העובד" האָט בערך 10 טויזנט מיטגלידער. אין צענדליקער הכשרות האָט ער געשאַפן אַ היים פאַר מענטשן, וועמעס פאַמיליעס זיינען אומגעקומען. אין די קינדער און יוגנט־היימען זיינען פאַראַן איבער 1500 נפשות. לויט דער מיינונג פון די פירנדע חברים קאָן די צאָל מיטגלידער און ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס זייער שנעל אומגעהויער פאַרגרעסערט ווערן ווען אונזער שטיצע זאָל זיין אַ פּערמאַנענטע. די הילף דאַרף זיין :

1. אויפצושטעלן יוגנט־און קינדער־היימען.
2. היימען פאַר חברים, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער אַרבעטס־פעאיקייט.
3. הכשרות פאַר דערוואַקסענע.

4. אויפצונעמען און צו שטיצן די אָנקומענדע חלוצים פון רומעניע,
5. דאָס וועט אויך דערמעגלעכן צו פאַרשטאַרקן זייער פּאָזיציע אין „דזשוינט" אין דעם געראַנגל מיט די קאָמוניסטישע און אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן."

רומעניע

רומעניע האָט היינט דעם גרעסטן אידישן ישוב אין אייראָפּע. 400,000 אידישע נפשות. דער גרעסטער אומגליק אין דער מלחמה פאַר דעם אידישן ישוב איז געווען דאָס קאַפּיטל „טראַנס־ניסטריאַ". קרוב צו 200 טויזנט אידן זיינען דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן אויף דעם שרעקלעכסטן אופן. דער גרעסטער טייל פון די פאַרשיקטע קיין טראַנס־ניסטריאַ זיינען געווען בעסאַראַבער אידן, אָבער אויך אַ געוויסער טייל אידן פון אַלט־רומעניע האָט געליטן דעם זעלבן ביטערן גורל. איצט איז רומעניע אַ לאַנד, וואָס איז אויסגעמאַטערט פון קריג, פאַראָרימט, באַזיגט און דאָך טיף דורכגעדרונגען מיט שנאה צו די אידן.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער פאַרטיי „איחוד" איז פון די שטאַרקסטע באַוועגונגען אין דאָרטיקן אידישן לעבן. די דעלעגאַציע פון דער פאַרטיי אין רומעניע צום ציוניסטישן קאָנגרעס האָט מיט אונז פאַרהאַנדלט וועגן גרעסערע מיטלען פאַר הילפס צוועקן היינטיקס יאָר. אין איר שריפט־לעכן מעמאָראַנדום, וואָס זי האָט אונז שפּעטער צוגעשטעלט ווערט געזאָגט:

„מיר בעטן אייך נעמען אין אַכט אַ גרעסערע הילף פאַר אונז ווי עס איז געגעבן געוואָרן ביז איצט. אייערע מיטלען ווילן מיר אינגאַנצן פאַר־וואַנדלען אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן.

אונזער אַמביציע איז צו שאַפן אַרבעטס מעגלעכקייטן פאַר אונזערע חברים. דערמיט געבן מיר זיי צוריק זייער ווירדע אַלס ערלעכע אַרבעטער און פּראָדוקטיווע מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז די הילף דאַרף אויך זיין דורכ־געדרונגען מיט אַ ציוניסטיש־חלוצישן כאַראַקטער, אין די אינטערעסן פון ארץ ישראל. אַזוי אַרום דערפילן מיר מיט איינמאָל צוויי גרויסע פליכטן: פון איין זייט אַריינפירן חברים אין פּראָצעס פון אַרבעט, פון דער צווייטער זייט גרייטן מיר צו אַ נוצלעכן און פּראָדוקטיוון עלעמענט פאַר ארץ ישראל. נישטאָ קיין אַנדער אופן ווי אַזוי געזונט צו מאַכן דעם גוף און די נשמה פון אַ אידן אין אייראָפּע. עס האַנדלט זיך דעריבער אין באַקומען פון אייך מיטלען ווי ביסלעכווייז איינצוקויפן געוויסע פאַד־וואַרשטאַטן. מיר נויטיקן זיך אַחוץ

דעם אין אייער הילף פאַר אויפצושטעלן אַ היים פאַר דער יוגנט און פאַר דער אָרגאַניזירונג פון קיכן אין די גרעסערע שטעט איבערן לאַנד און נאַטירלעך בעטן מיר אייך וועגן דער הילף אין שפּייז פּעקלעך און קליידונג".

פראַנקרייך

פראַנקרייך, און בעיקר פּאַריז, איז היינט זיכער די פּולסירנדיקסטע אידישע שטאָט אין איראָפּע. עס וואַרפט זיך אין די אויגן דער גרויסער קאָנטראַסט פון דעם דערשלאָגענעם אַלגעמיינעם לעבן, וואָס ליגט אין אַפּאַליטישן און עקאָנאָמישן כאַאָס, די נאָכווייענישן פון דער מלחמה, פון וועלכער פראַנקרייך קאָן נישט קומען צו זיך, און דעם שוויבלען און גריבלען פון אַ טעמפעראַמענטפולן אידישן לעבן. פּאַריז איז קודם כל געוואָרן אַ וויכטיקע סטאַנציע פאַר אידישע וואַנדערונגען און וואָגלענישן. מען שטראָמט אהין פון אַלע מזרח און צענטראַל איראָפּייאישע לענדער, לעגאַל, האַלב לעגאַל און אומלעגאַל: פאַר דורכרייזע, פאַר אַ קורצן אויפנהאַלט און אויך דאָרט צו פאַרבלייבן. אַלע רעגירונגען, זייט דער באַפרייאונג, האָבן זיך באַצויגן ליבעראַל צום פּליטים־פּראָבלעם. אין דער ערשטער צייט איז בכלל יעדער איד באַטראַכט געוואָרן בבחינת אַ געוועזענער פּאָליטישער פאַרפאָלגטער, שפּעטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ געוויסע קאָנטראָל און סעגרעגאַציע, אָבער אַלץ מיט גרויס איינזעעניש און פאַרשטענדעניש.

די גוטע באַציאונג צו פּליטים האָט נאַטירלעך פאַרגרעסערט דעם אימיגראַציע שטראָם און היינט זיינען זיכער אין פּאַריז דאָ מער פּוילישע אידן, ווי אין פּוילן. אידישע פּליטים אין פראַנקרייך זיצן ניט אין קיין לאַגערן מיט שטעכיקע דראָטן; זיי פילן זיך פריי, היימיש און האָבן אויך אָן אויסזיכט זיך צו עפּעס צו דערשלאָגן, אויב זיי טראַכטן נישט באַלד צו פאָרן ווייטער.

פון אַנטיסעמיטיזם ווייס מען נישט. יעדנפאַלס, וויסן נישט דערפון די אָנגעקומענע פּליטים. אָבער... איך בין געוועזן אין פּאַריז בעת בלום איז געוויילט געוואָרן אַלס פּרעמיער מיניסטער. די גאַנצע פראַנצויזישע פּרעסע פון רעכטס ביז קאָמוניסטן זיינען געווען ענטוזיאַסטיש פון דעם אויסוואַל. די תהלות ותשבחות פאַר בלומען, וואָס האָט מסכים געווען, אין אַזאַ קריטישן מאָמענט אָנצונעמען דעם אַמט, האָבן נישט געהאַט קיין גרעניץ. אידן, אָבער, פון אַלע ריכטונגען, זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט און אפילו ברוגז: טאָמער וועט דאָס זיין אַ „פּתחון פּה" פאַר רעאַקציאָנערן און עס וועלן אָנהויבן בלאָזן אַנטיסעמיטישע ווינטן. אין אַלגעמיין אָבער איז, דאַכט זיך, נישטאָ

קיין צווייט לאַנד אין אייראָפּע וואו אידן און אידישע פּליטים, זאָלן זיך פילן אַזוי גוט ווי אין פראַנקרייך.

די פּאָליטישע און ציווילע פרייהייט און דער אימיגראַציע צופלוס זיינען געווען די גורמים פאַר דעם גרויסן וואוקס פון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען, וואָס האָבן פאַרפילפאַכט זייערע צאָלן און אַקטיוויטעטן לגבי די צייטן פון פאַר דער מלחמה. אויך אונזער באַוועגונג — די פּאַרטיי, פּאָלקס־פאַרבאַנד, יוגנט — איז באַדייטנד אויסגעוואקסן זייט דער באַפרייאונג. פּועלי ציון־התאחדות ציילט היינט אין פּאַריז 250 חברים, איבערן לאַנד — 600 חברים. דער פּאָלקס פאַרבאַנד אין פּאַריז — 1006 חברים, איבערן לאַנד — 1482 חברים.

עס איז זיכער, אַז די מיטלען פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט זיינען געווען אַ גרויסער סטימול און פּראַקטישע דערמעגלעכונג צו אַנטוויקלען אַ געניוג ברייטע הילפס ארבעט, וואָס ווערט אָנגעפירט דורכן פּאָלקס פאַרבאַנד, און פאַר אים צו געווינען פּאָפּולאַריטעט צווישן די אידישע מאַסן. ביים פּאָלקס פאַרבאַנד עקזיסטירן : אַ קינדער־היים אונטערן נאָמען „אַננאַ יארבלום“, אַ קינדער פּאַטראָנאַזש, א יורידישע אָפּטיילונג (פאַר אימיגראַנטן), אַ מעדיצינישע אָפּטיילונג, סאָציאַלע הילף, אַ דרוקעריי, אַ אומזיסטע קיך, אַ זומער קאָלאָניע, אַ פּליטים פאַרבאַנד. מיר שטיצן אויך די גרויסע קינדער אינסטיטוציעס „אָפּעזש“ (800 קינדער) וואָס שטייט אונטער דער השגחה פון אונזערע חברים, די טעגלעכע צייטונג „דאָס וואָרט“, אַ העברעאישע קינדער שולע. די דערעפנונג פון דער אומזיסטער קיך אין האַרץ פון דער אידישער געגנט אין פּאַריז איז פאַרגעקומען מיט דער באַטייליקונג פון חבר ס. בוירק און פון מיר. דער באַשלוס צו פאַרוואַנדלען „דאָס וואָרט“ אין אַ טאָג צייטונג איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ ריי זיצונגען מיט די פירנדע פראַנצויזישע חברים אין וועלכע עס האָבן זיך אויך באַטייליקט אונזערע חברים סיגאַל, בוירק, בורשטיין און באומגאָלד. מיר האָבן געגעבן אונזער גוט־הייסונג צו זיין באַטייליקט מיט אַ דריטל אין דעם בודזשעט פאַר דער צייטונג, אין הסכם מיט אַ פריערדיקן באַשלוס פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט. די צייטונג ווערט, ווי באַוואוסט, געשיקט פריי אין אַלע לאַגערן אין אייראָפּע, וואו עס געפינען זיך אידישע פּליטים.

בעת מיין באַזוך אין פּאַריז האָב איך אָפּגעהאַלטן זיצונגען וועגן פאַרשידענע הילפס פּראָבלעמען, אייניקע מאָל מיט דער פּאַרטיי, מיטן פּאָלקס־

פאַרבאַנד (אין וועלכע עס האָבן זיך אויך באַטייליקט די חברים ברוך צוקער־מאַן און אנשל רייס), מיט דער פעדעראַציע פון אידישע געזעלשאַפטן (קהלה), מיט דעם פליטים־קאָמיטעט, מיט דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג, מיט דער לייטונג פון „אָפעזש" און מיט די איינצלנע פאַר־וואַלטונגען פון די קינדער היימען. צוזאַמען מיט די חברים זימל רעזניק פון עזבורי פאַרק און לייב גלאַנץ פון לאָס אַנדזשעלעס און פ. יפה פון „טאָג", ווי אויך חבר יאַרבלום, האָבן מיר מקבל פנים געווען די ניי אָנגעקומענע קינדער־לעך פון פוילן. עס איז שווער צו שילדערן אין ווערטער די איבערלעבענישן פון יעדן איינציקן פון אונז זעענדיק די פיצלעך קינדער, (מערסטנטייל פון טיף רוסלאַנד). וואָס רעדן אַ געמיש פון שפּראַכן, אָפּגעריסן, פאַר'חושכ'ט! אַ ציטער גייט אַדורך איבערן לייב, ווען מ'הערט וואָס די קינדער האָבן דורכ־געמאַכט. יעדע גרופּע האָט איר אייגענעם העלד, וואָס איז איר שטאָלץ. אָט איז אַ זעקס יעריק מיידעלע פון דער „גורדוניה" גרופּע, וואָס איז אָנגעקומען פון פוילן אומלעגאַל קיין פראַנקרייך, „עליה ב'", איר גרופּע האָט זי די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן אונטער אַ באַנק אין וואַגאָן. אַ 16 יאָריקער חבר פון „דרור", וואָס האָט אַליין דערשאָסן צוויי דייטשן בעת ער איז „אַריינגעפאַלן" שמוגלענדיק געווער. מ'האָט אים נאָכגעשאָסן און פאַרוואונדעט. איצט האָט ער נאָר איין פוס. קינדער, וואָס זיינען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון די פלאַמען פון געטאָ אין וואַרשע, אָדער נאָך שפּעטער, ווען פון דעם געטאָ איז שוין געווען אַ חורבה.

אַלע קינדער ווערן אַרומגערינגלט מיט וואַרימקייט, מיט מוטערלע־כער צערטלעכקייט פון אונזערע חברים און חברות, די לייטער פון די קינדער־היימען. די דערציאונג איז אין אַן עכט ציוניסטישן, חלוצישן גייסט, מיט דער אויסזיכט פון די דערציער און פון די קינדער אַליין וואָס פריער צו קומען קיין ארץ ישראל.

בעת מיין באַזוך אין פאַריז איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם פראַנצויזישן אינערן־מינסטעריום 61 פראַנצויזישע וויזעס פאַר משפחות אין פוילן פאַר וועלכע עס האָבן ביי אונז אינטערוועניִרט חברים. צוזאַמען בערך 125 נפשות. די זאַך איז אָנגעקומען שרעקלעך שווער צוליב אַ געוויסער אָפּאָר־טוניסטישער טאַקטיק פון די אידישע קאָמוניסטן אין פראַנקרייך מיט זייערע צוהעלפער. לײדער איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט בעת מיין קורצן באַזוך צו קריגן מער פראַנצויזישע וויזעס און נאָכצוקומען אַלע בקשות צו אונז ווענן

דעם. אָנשטרענגונגען ווערן ווייטער געמאַכט פאַר א נייעם קאָנטיגענט וויזעס פאַר פוילישע אידן און אונזערע פאַרטרעטער אין פראַנקרייך זיינען וואַכזאַם צו דעם וויכטיקן געביט פון הילף.

מיר האָבן אויך איינגעשטעלט אין פראַנקרייך אַ גאַנצע ריי אַנדערע עמיגראַציע ענינים אין פאַרבינדונג מיט פוילן און מיט אַנדערע לענדער, ווי אויך אין די פראַגן פון געלט טראַנסמיסיעס.

בעלגיע

אויף מיין צווי טאָגיקן באַזוך אין בריסל (בעלגיע) האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער לאַגע פון דער דאָרטיקער באַוועגונג אין פאַר־בינדונג מיט אונזערע הילפס טעטיקייטן. די פועלי ציון צעירי ציון פאַרטיי ציילט איבערן לאַנד בערך 800 מיטגלידער מיט אָפּטיילונגען אין בריסל, אַנט־ווערפּן, ליעזש, שאַרלרוא און סערען. די באַוועגונג האָט אַן אייגענעם וואָכנ־בלאַט „אין גערעַנגל", וואָס ווערט אויך צעשיקט אין די לאַגערן; אַ ביבליאָ־טעק אין בריסל פון די צוגעשיקטע ביכער פון דעם פאַרבאַנד אין דער ערש־טער צייט און ,שפּעטער, פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט; אַ אידישע דרוו־קעריי, אַ „ירושה" פון דער בריגאַדע, אין וועלכער עס דרוקט זיך די צייטונג און אויך באַצאָלטע אַרבעט אויסערהאַלב דער באַוועגונג און אַ קליינעם רעס־טאָראַן. „גורדוניה" צוזאַמען מיט „דרור" האָבן בערך 500 מיטגלידער. די באַוועגונגס צוגאַב־שולן עקזיסטירן אין בריסל מיט 100 קינדער, אין ליעזש מיט 50 קינדער, און סערען 25 קינדער.

די קליינע צאָל „אומלעגאַלע" אידן, וואָס רייסן זיך אַריין קיין בעלגיע, פאַלן כמעט אינגאַנצן אַריין אין די אָרימס פון דער אידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אַלץ צוליב דעם מאַנגל אין מיטלען פון אונזער באַוועגונג, זי זאָל זיך קענען מיט זיי פאַרנעמען און זיי שטיצן. אייניקע פירנדע חברים רייסן זיך פאַר אַ גרעסערער הילפס אַרבעט לויטן ביישפּיל פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד אין פאַריז, אָבער דער מאַנגל אין מיטלען אין אַן אָפּהאַלט.

אין בעלגיע געפינען זיך 1500 אידן פון סלאָוואַקיע, פוילן, אונגאַרן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן מיט אַ האַלב יאָר צוריק מיט דער שטילער דער־לויבניש פון דער בעלגישער רעגירונג. זיי זיינען געקומען אויפן וועג צו דער עליה ב׳. זיי האָבן געזאָלט פאַרבלייבן צוויי וואָכן אין בעלגיע און זיצן שוין אין די לאַגערן 6 חדשים, וואַרטנדיק אויף אַ מעגלעכקייט פאַר עליה. צוזאַמען מיט ד״ר בראַנדעסן, אַ פירנדן חבר פון דער בעלגישער פאַרטיי, זיינען מיר

אויף אַ „דזשיפּ" וואָס דער „דזשאַינט" האָט אונז אויסגעבאָרגט, צוגעפאָרן אין איינעם פון די לאַגערן (שפּעטער איז דער זעלבער לאַגער באַזוכט געוואָרן פון חבר ס. בוירק). עס איז זיך נישט פאַרצושטעלן אין וועלכע טראַגישע באַדינ־גונגען עס לעבן די מענטשן פון דעם לאַגער (450). הונגער און קעלט איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. קינדער מיט אָפּגעפּרוירענע הענטלעך, שמוציק און פאַר־לאָזן. איך האָב געהאַט אַ פאַרזאַמלונג מיט דער פאַרטיזאַנען גרופּע פון לאַגער. זיי האָבן זיך ביטער באַקלאָגט אויף די באַדינגונגען. איך האָב זיך געטראָפן מיט חברים פון דער „בריגאַדע", וואָס פירן אָן מיטן קעמפ, אָבער זיי ליידן און זיינען פונקט אַזוי אומבאַהאָלפן ווי די אַנדערע חברים אין לאַגער. די חברים אין בעלגיע האָבן מיר שפּעטער איבערגעגעבן אַז דער מצב פון די צוויי אַנדע־רע לאַגערן איז נאָך שרעקלעכער. אין איינעם פון זיי וואוינען 18 שוואַנ־געריקע פרויען מיט זייערע מענער און קינדער אין איין צימער. אגב, האָבן מיר חברים פון פּוילן אין דעם בעלגישן לאַגער, וואָס איך האָב באַזוכט, געוויזן אַז זייערע הויזן זיינען געמאַכט פון די קאָלדרעס, וועלכע זיינען צוגעשיקט געוואָרן פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט. שפּעטער האָט מיר חבר גראַיעק אין באַזעל דאָס באַשטעטיקט און זיך פאַרענטפערט, אַז נאָר אַ קליינע צאָל פון אונזערע קאָלדרעס זיינען פאַרנוצט געוואָרן פאַר ווינטער מלבושים צו באַ־קליידן די מענטשן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר עליה ב׳.

נאָך מיין באַזוך אין דעם לאַגער האָב איך אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג מיט די פאַרטיי חברים אין בעלגיע און אויך מיט אַ גרופּע חברות, וועגן אָנהויבן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אַ הילפס ארבעט, ספּעציעל פאַר אונזערע חברים אין די לאַגערן.

באַמערקונגען צום באַריכט

דער באַריכט איז אייגנטלעך נאָר אַ קורצע איבערזיכט איבער דעם מורא׳דיקן מצב פון אידן אין די באַזונדערע לענדער, פון איין זייט, און איבער די מסירת־נפש׳דיקע לייסטונגען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, פון דער צווייטער זייט. אויף דער קאָנפערענץ פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָ־מיטעט אין באַזעל מיטן אנטייל פון די פירנדע חברים פון כמעט אַלע איי־ראָפּעאישע לענדער און אויף די צענדליקער קאָנפערענצן און זיצונגען, וואָס מיר האָבן אָפּגעהאַלטן מיט די באַזונדערע דעלעגאַציעס, איז געקומען צום

אויסדרוק די נויטווענדיקייט און דרינגלעכקייט פון אונזער אַרבעט פאַר דער שארית הפליטה אין די אייראָפּייאישע לענדער.

חברים פון אייראָפּע האָבן אונז באַוויזן וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן מיט יעדן דאָלאַר, וואָס זיי האָבן פון אונז דערהאַלטן. זיי האָבן אונז אָנגעוויזן ווי וויכטיק עס וועט זיין ווען מיר וועלן זיי איבערלאָזן צו דער אַפּיטרופּסות פון אַלגעמיינע רעליף אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן אַפּעלירט צו אונז פון שטאַנדפּונקט פון ציוניזם און ארבעטער ציוניזם. זיי האָבן געפּאָדערט פון אונז חבר'שע סאָלידאַריטעט און געטרייע מיטהילף אין די ביטער צייטן.

מיר, די חברים וואָס זיינען געווען אין אייראָפּע, האבן אין זיך אייגע־זאַפּט אַ סך צער, אָבער אונזער ביסעל טרייסט איז געווען צו הערן די באַריכטן פון די אייראָפּייאישע חברים איבער די דערגרייכונגען אויף אַלע הילפס גע־ביטן מיט אונזערע ביז איצטיקע מיטלען. יאָ, עס איז געווען אַ טרייסט דאָס גבית עדות פון דעם געטרייען חבר לייבל וועגן די 300 אידישע קינדער אין פּוילן, וואָס זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון קריסטלעכע הענט מיט די מיט־לען פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט. עס איז געווען אַ טרייסט צו זען די קינדערלעך אין פּאַריז, יתומים פון אונזער פאָלק, געראַטעוועטע מיט דיביישטייערונגען פון אונזערע חברים אין אַמעריקע. עס איז געווען אַ טרייסט צו הערן די שבחים פאַר דער אַמעריקאַנער באַוועגונג פאַר די געשיקטע טראַנספּאָרטן שפּייז פאַר דער חלוצים מחנה אין אונגאַרן. עס איז געווען אַ טרייסט צו זען די מענטשן פון עליה ב' אויפן וועג קיין ארץ ישראל אָנגעטאָן אין אונזערע צוגעשיקטע מלבושים.

עס איז געווען אַ טרייסט אָבער אויך אַ פאָרוואורף צו זיך, צו יעדן חבר — צו אונזער גאַנצער באַוועגונג אין אַמעריקע. ווי ווייניק עס זיינען גע־ווען די ביז איצטיקע אָנשטרענגונגען פאַר דער הילפס אַרבעט! ווי נישט אַנטשפּרעכנד איז געווען אונזער פאַרשטענדניש פאַר דעם! און וועלכע ממש אומגלויבלעכע דערגרייכונגען וואָלטן געקענט רעאַליזירט ווערן אויף דעם גע־ביט, וואָס אין דער זעלבער צייט איז עס הילף, רעטונג, ציוניזם און ארץ ישראל, ווען אונזער גאַנצע באַוועגונג צוזאַמען מיט אירע פריינט זאָלן זיך שנעל אַק־טיוויזירן אין דער טעטיקייט.

אין ליכט פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן געזען, מוזן מיר פאַסן אַ באַשלוס פאַר אַ גרעסערן פאַרנעם און שוואונג פון אונזער הילפס אַרבעט. דאָס פּליטים־באַוואוסטזיין פאַר דער ארבעט מוז אריינדרינגען אין האַרצן פון יעדן

איינציקן חבר און פריינט. יעדער אונזער דאָלאַר האָט אַ סך אַ גרעסערן און פילפאַכיקערן פּראַקטישן ווערט ווי אַ דאָלאַר פון אַ צענטראַלער רעליף אָרגאַניזאַציע (אין פּוילן קנאַפּע 9 מאָל אַזויפיל). איבער יעדן דאָלאַר אונזערן זיינען אונזערע חברים אויפן אָרט, די וואָס האָבן געקעמפט און אַליין געליטן, די בעלי בתים איבער אים. יעדער אונזער דאָלאַר מיינט אויך איניציאַטיוו, מיט דער מעגלעכקייט פון באַקומען שפּעטער צוגאָב־הילף פון דעם אַלגעמיינעם רעליף. אונזערע מיטלען מיינען אויך זיכער שטאַרקן אונזער לאַגער אין אייראָפּע, פּאַרפעסטיקן די חלוצישע פּאָזיציעס און אַ ביישטייער פאַר ארץ־ישראל.

אונזערע ערשטע זאָרגן מוזן זיין :

1. אויסלייזונג און אויסהאַלטונג פון אידישע יתומים, וועמעס עלטערן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן.
2. טראַנספּאָרטן שפּייז.
3. אויסהאַלטונג פון אומזיסטע קיכן.
4. הילף פאַר קיבוצים דורך מיטלען פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע.
5. נייע קליידער.
6. ביכער פאַר קינדער און דערוואַקסענע, צייטונגען, זשורנאַלן.

אין פּאַריז און אין באַזעל האָבן מיר זיך וועגן אַלע אונזערע ווייטערדיקע אַרבעטן באַראַטן מיט א צאָל פירענדע חברים וועלכע זיינען באַקאַנט מיט דער הילף, וואָס מיר האָבן געגעבן די אייראָפּעאישע לענדער ביז איצט (מ. ניישטאַדט, ד״ר זילבערשייןָ, מ. יאַרבלום, ברוך צוקערמאַן, אַ. רייס און אַנד.). וועגן אַלע געביטן פון אונזערע הילפס טעטיקייטן פאַר דעם קומענדיקן יאָר אין יעדן לאַנד באַזונדער,

דאָס פּליטים לעבן אין איטאַליע

(איינדרוקן נאָך אַ באַזוך)

פון ל. סיגאַל •

מיט בערך אַ יאָר צוריק האָב איך באַזוכט פּוילן און דייטשלאַנד. איך האָב דעמאָלט צום ערשטן מאָל דערזעען און דערפילט דעם גאַנצן פאַרנעם פון אונזער חורבן. צום ערשטן מאָל האָבן דעמאָלט מיינע אויגן געזעען די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דעם טיפן צער און עלענט מיט וועלכע עס איז געווען אָנגעפילט דאָס פאַרבליבענע אידיש לעבן. יעדער אידישער מאַן, פרוי און קינד, וואָס איז ניצול געוואָרן פון טויט איז געווען אַ לעבעדיקער עדות פון אונזער פאָלקס־אומגליק. עס זענען נישט געווען קיין ווערטער און אפילו קיין געפילן פון טרייסט אויף די דעמאָלט נאָך פרישע קברים פון די מיליאָנען קדושים. שטומערהייט מיט אַ ווייטאָק אין האַרץ איז מען אַרומגעגאַנגען אין יענע לענדער ווי אויף איין גרויסן בית־הקברות.

די לעבנספאַרבליבענע אידן אין איראָפּע זענען דעמאָלט געווען פאַראייניקט מיט איין געדאַנק: וואָס פריער אַוועק פון די לענדער פון דעם אידישן אומקום. נישט מער טרעטן אויף דער ערד וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט אידיש בלוט. נישט מער אַרומגיין אויף די גאַסן, וואָס זענען געפלאַסטערט מיט אידישע מצבות. דער איינציקער זין און מאָראַלישער אָנהאַלט פאַר לעבן, איז געווען ביי דער גרויסער מערהייט פון דער שארית הפליטה, ארץ־ישראל.

עס האָט זיך דעמאָלט אויסגעדאַכט אַז גאָר שנעל וועט מוזן אַ סוף נעמען צו דעם פאַרוואָגלטן גיהנום לעבן פון די פאַרבליבענע אידן. געוויסע סימנים האָבן אָנגעדייט אויף אַ שנעלער און גינסטיגער לעזונג אין דער פראַגע פון אַן אידישער מאַסן אימיגראַציע קיין ארץ ישראל. דאָ, אין אַמעריקע איז פאָרגעקומען אַ געוויסע אויפוואַכונג פון דער עפנטלעכער

מיינונג פאַר די אידישע ליידן און פאַר די אידישע האָפענונגען אויף ארץ־ישראל. אויף דעם הילפס געביט זענען די צענטראַלע אידישע רעליף אָרגאַניזאַציעס צוגעטראָטן צו דער מאָביליזירונג פון ריזיקע מיטלען צו לינדערן די נויט פון די פאַרבליבענע אידן. מען האָט גערעכנט האָבן דעם געפיל, אַז די ביטערע צייטן פון די ליידנדע אידן זענען נאָר אַ קורצער איבערגאַנגס־פעריאָד, וואָס וועט זיך באַלד ענדיקן.

ווי מורא׳דיק אָבער איז די איבעראַשונג ווען מען באַזוכט איצט איראָפּע און מען זעט די אידישע קיבוצים ווייטער אין זייער פּיין, עלענט און נויט, אין זייער הילפסלאָזיקייט און ממש פאַרצווייפלונג, פּונקט ווי אין די ערשטע וואָכן נאָך זייער באַפרייאונג פון די נאַצישע בעסטיעס! פיל פון זיי האָבן אין פאַרלויף פון דעם יאָר געוואַנדערט פון איין עק איראָפּע צום צווייטן. מען איז געלאָפן פון דערפער און פון קליינע שטעטלעך אין די גרויסע שטעט, כדי צו זיין מער צווישן אידן. מען איז געלאָפן פון איין לאַנד אין צווייטן אין דער האָפנונג גיכער זיך צו דערשלאָגן צו אַ צייטווייליק מקום־מנוחה. מען האָט געוואַנדערט פון שטעט אין לאַגערן און פון לאַגערן צו די ברעגן פון מיטלענדישן ים מיט דער אויסזיכט צו דערגרייכן „מיט אַלע וועגן" קיין ארץ־ישראל. דאָס אידישע פּליטים לעבן האָט אין דעם יאָר דורכגעמאַכט שווערע קאָנוואולסיעס און ביטערע אַנטוישונגען, וואָס איז אַ צולאָג צו זייערע פריערדיקע ליידן, אָבער קיין שום וועזענטלעכע מאַטעריעלע און מאָראַלישע פאַרגרינגערונג איז אין זייער לאַגע נישט פאַרגעקומען.

⁂

די פעסטשטעלונג האָט מען געמוזט מאַכן ווען מען האָט געהערט די באַריכטן פון די פאָרשטייער פון כמעט אַלע איראָפּעאישע לענדער אויף דער קאָנפערענץ פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אין באַזעל און אין דעם האָב איך זיך נאָך מער איבערצייגט בעת מיין באַזוך אין די אידישע לאַגערן אין איטאַליע אויף מיין צוריקרייזע נאָך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס.

צוויי יאָר נאָך דער „באַפרייאונג" און אידישע פּליטים זענען נאָך אַלץ נישט פריי פון נויט, הונגער, עלענדקייט און מאָראַלישע ליידן. פאַרקערט, דאָס אַלץ איז שוין כמעט אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. מען עסט ווייניק, מען וואוינט 30־40 מענטשן אין איין צימער ווי אין א הקדש. אַ בעט מיט אַ

ליילעך, אָדער אַ מאַטראַץ, ווערט באַטראַכט פאַר אַ לוקסוס, און ס'איז טאַקע אין די קעמף וואוינונגען אַ זעלטעןהייט. די פאַר'חושכ'טע, ליידענדע מאַסע פילט זיך ערגער ווי בעטלער, וואָס זיצן אין גאַס און בעטן אַ נדבה ביי די דורכגייער.

עס איז אַן איינרעדעניש, ווען מען גלויבט, אַז דער אידישער פליט אין לאַגער ווערט באַזאָרגט פון אַן אידישע הילפס אינסטיטוציע מיט אידישע וואַרעמקייט, מיט אידישן אינטערעס און גוטהאַרציקייט. ליידער איז אַזוי נישט דער פאַל. ליידער געפינען זיך די אידן אין די לאַגערן אונטער דער נישט־אידישער „אונרא" און דאָס ביסעלע וואָס דער „דזשאָינט" טוט פאַר אידן, מוז עס אויך גיין דורך „אונרא" פאַרשטייער, מערסטנטייל נישט אידן, וואָס האַלטן דעם לאַגער אונטער אַ מיליטערישער דיסציפּלין.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַ סצענע, וואָס איך האָב בייגע־וואוינט אין איינעם פון די לאַגערן אין מילאַן, ווען אין אַ קאַלטער דע־צעמבער נאַכט, אין אַ פינצטערער געסל, וואָס איין מענטש האָט נישט גע־קענט דערזעען אַ צווייטן, זענען אָנגעקומען אַרום 100 פליטים, וואַנדערנ־דיק פון עסטרייך דורך די אַלפּן־בערג, ניט האָבנדיק מיט זיך קיין זאַך (אפילו נישט קיין זאַק אויף די פּלייצעס). דורכגעפרוירן פון קעלט, פאַרמאַטערט פון הונגער און דורכגעדרונגען מיט טויט שרעק, דורכמאַכנדיק די געפערלעכע גרעניצן און וועגן, וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען, האָבן די אומגליקלעכע מענטשן געקריגן זייער ערשטע אָפּרו־שעה אויפן קאַלטן צעמענט־דיל, נישט האָבנדיק אפילו קיין בענקל וואו זיך אוועקצוזעצן, קיין בעט וואו זיך צוצושפּאַרן, און ווערנדיק אויפגענומען מיט קאַלטע אומצופרידענע בליקן פון די „אונרא" באַאַמטע. איך האָב געזעען די פאַרשטייער פון דעם פליטים־קאָמיטעט הילפסלאָז, ווייל זיי זענען אין גאַנצן אָפּהענגיק אין דעם גוטן ווילן פון די „אונרא" פאַרשטייער.

שטענדיק וועט מיר קלינגען אין די אויערן די פראַגע פון יענע אָנגע־קומענע אידן: „ווען שטייגן מיר אַרויף אויף דער שיף, וואָס זאָל אונז פירן קיין ארץ־ישראל? זאָל שוין נעמען אַ סוף צו אונזערע מאַטערנישן". ווי בי־טער אנטוישט זענען אָבער די פראַגע־שטעלער געוואָרן, ווען אייניקע פון די עלטערע אין לאַגער האָבן געענטפערט, אַז זיי וועלן לאַנג דאַרפן וואַרטן אויף אַ שיף, ווייל אויך זיי מאַטערן זיך שוין אין לאַגער חדשים לאַנג און די דער־וואַרטע שיף איז נאָך פאַר זיי אַלץ נישט געקומען.

אָבער נאָך שאַרפער איז דאָס פּראָבלעם פון קינדער־פּליטים. קינדער וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן פון קלויסטערס און פון סתם גוישע הענט נאָכן סוף פון דער מלחמה, און אַ טייל, וואָס האָבן געהאַט דעם טרויעריקן מזל געבוירן צו ווערן אין די לאַגערן אין פּיין און אין עלענט.

די קינדער לעבן אין זייער שווערע באַדינגונגען, נישט האָבנדיק קיין וואַרעמקייט פון אַ היים. די מערסטע פון זיי באַקומען אויך נישט קיין אידישע, אָדער וועלכעס איז אַלגעמיינע דערציאונג; די קינדערלעך וואָס זענען יאָ זוכה צו אַביסל דערציאונג, קומט דאָס זיי אָן מיט גרויס מאַטערניש. איך האָב אַליין בייגעוואוינט אַ לעקציע אין אַ קלאַס אין אַ לאַגער, ווי אַלע קינדער האָבן געלערנט שטייענדיק און 42 קינדער האָבן געלערנט פון איין לערן־ביכל. עס קומט אויס, אַז די אידישע וועלט מיט אַלע אירע הילפס־אָרגאַניזאַציעס האָבן אין משך פון 20 חדשים, נישט געפונען גענוג וועגן און מיטלען צוצושטעלן אין די לאַגערן אַביסל לערן־ביכער און העפטן פאַר די אידישע קינדער פּליטים.

אָבער בכלל איז די קולטור נויט פון די אידן אין די לאַגערן אומבאַשרייבלעך. דער דערשלאָגענער אידישער מענטש לעכצט נאָך אַ אידיש וואָרט, נאָך אַן אידישע צייטונג, בוך, נאָך אַן אידיש אָדער העברעאיש ליד. פון דער „אונרא״ קען מען דאָך נאַטירלעך ניט דערוואַרטן הילף פאַר אידישע קולטור נויטן. ליידער באַקלאָגט מען זיך זייער שטאַרק, אַז די „דזשאָינט״ פאַרשטייער ווייזן אויך נישט אַרויס קיין שום פאַרשטענדניש פאַר די קולטור נויטן פון די לאַגער מענטשן.

דערפאַר טאַקע רופט אַרויס גרויס באַוואונדערונג און טיפע אָנערקענונג די גרויסע שעפּפערישקייט פון די לאַגער־מענטשן, וועלכע האָבן מיט זייערע אייגענע פּרימיטיווע מיטלען און אונטער די שווערסטע באַדינגונגען פונדעסטוועגן אַנטוויקעלט אַ געוויסע קולטור טעטיקייט. זיי האָבן געעפנט לייען־זאַלן, זיי האָבן געגרינדעט כאָרן און אָרקעסטערס, זיי האָבן אַרויסגעגעבן העפטן און זשורנאַלן (די מערסטע אין אַ העקטאָגראַפישער פאָרם) — אַלץ כדי אויפצוהאַלטן די מאָראַל פון די פּליטים און שטאַרקן זייער טרויעריקן געמיטס־צושטאַנד.

דער טייל אַרבעט פאַר קינדער דערציאונג און קולטור טעטיקייט צווישן די פּליטים ווערט אינגאַנצן דורכגעפירט דורך די חברים פון דער ציוניסטישער

אַרבעטער באַוועגונג. פּונקט ווי אין פיל אַנדערע לאַגערן, איז אויך אין איטאַליע דער פאַל, אַז די גאַנצע טעטיקייט אויפצוהויבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון דער פּליטים־מאַסע איז אינגאַנצן קאָנצענטרירט אין די הענט פון די מענטשן פון אַרבעטער ציוניזם.

זיי, די חברים פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג זענען די איניציאַטאָרן און די דורכפירער פון אַלע קולטור אונטערנעמונגען און פאַראַנ־שטאַלטונגען. זיי זענען די לערער און די לעקטאָרן. די זעצער, די דרוקער און די רעדאַקטאָרן פון די אַלע אויסגאַבן. זיי זענען די וועג־ווייזער די פאַרטיידיקער און די פאַרזאָרגער פון דעם פּליטים ציבור.

⁂

עס איז זיכער נישט פאַראַנען קיין אַנדער ריכטונג אין דעם אידישן לעבן, וואָס האָט אַזוי פיל געטאָן פאַר דעם אידישן פּליטים ציבור ווי די מענטשן פון דער חלוצישער מחנה. די קיבוצים פון החלוץ אין די לאַגערן זענען אַ מוסטער און אַ ביישפּיל פאַר דעם גאַנצן פּליטים כלל. זיי זענען די צוציאונגס־קראַפט פאַר גרויסע טיילן פון דער אידישער יוגנט און פאַר די עלטערע קינדער. פיזיש און מאָראַליש זענען זיי די שטאַרקסטע אין דעם גאַנצן ציבור.

ווען מען זעט אָבער דאָס געמאַטערטע און אָרימע לעבן אין די קיבוצים, ווען מען זעט זייערע געלעגערס, עסן, קליידער, ווערט מען באַהערשט פון אַ טי־פע חרפה, וואָס קיינער זאָרגט נישט אין דער מינדעסטער מאָס פאַר די העלדישע קינדער וואָס אונזער פאָלק פאַרמאָגט. מען באַגרייפט ממש נישט, ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט אַז זיי, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט אַרומרינגלען מיט פּיעטעט און ליבע, זאָלן אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן פון דעם ציוניסטישן כלל, צו וועלכן זיי זיינען צוגעבונדן מיט אַזוי פיל מסירות נפש און געטריישאַפט.

אין איטאַליע האָט די „אונרא" איצט אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו די קיבוצים, צוליב דעם איינפלוס פון די ענגלישע באַאַמטע. די „אונרא" האָט, למשל, פעסטגעשטעלט אַ נאָרמע פון 7500 מענטשן פאַר אַלע קיבוצים אין אי־טאַליע. נאָר אַזוי פיל קענען געניסן פון איר הילף אַלס איר שטיצע פאַר די קיבוצים. וואַלגערן זיך טויזנטער פון אונזערע חברים, וועלכע זענען געקומען פון די וויטסטע מקומות קיין איטאַליע, כדי פון דאַנען מיט דער צייט פאָרזעצן אויף שיפלעך זייער וועג, דורך ציפערן, קיין ארץ־ישראל און קענען נישט

אריינגענומען ווערן אין די קיבוצים און געניסן אין דער מאָס פון דער „אונרא״ הילף גלייך מיט זייערע חברים, וואָס זענען פריער אָנגעקומען.

די חברים פון החלוץ אויסערהאַלב די קיבוצים געפינען זיך אין נאָך שווערערע באַדינגונגען. זיי פילן זיך נאָך מער פאַרלאָזן און זייערעליידן זענען נאָך גרעסער.

אין אָנבליק פון דער לאַגע ווערט קלאָר ווי ווייט דרינגענט און נויטווענדיק אונזער צוגאָב־הילף איז. עס ווערט קלאָר די קאָנקרעטע אויפגאַבן פון אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע און וואָס עס מיינט פאַר זיי דאָרטן דער געפיל, אַז זיי זענען נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן און אַז ס'איז דאָ אן אינסטאַנץ וואָס זאָרגט און אַרבעט מיט חבר'שע געטריישאַפט זיי באַהילפיק צו זיין אויף זייער שווערן וואַנדער־וועג.

אָט, מיט דעם באַוואוסטזיין און מיט דעם גייסט דאַרפן מיר אָנגיין מיט אונזער הילף טעטיקייט. מיר מוזן האָבן דעם פאַראַנטוואָרטליכסקייט־געפיל פאַר די מענטשן וואָס זענען די היטער פון אידישן כבוד, פון דער מאָראַל און פון דער גאַנצקייט פון דעם שארית־הפליטה און וואָס וועלן מאָרגן זיין די היטער און בויער פון דעם אידישן לאַנד.

טיילווייזע רשימה פון די אויסגעלייזטע קינדער אין פוילן מיט די מיטלען פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט פאַר הילף און אויפבוי אין אַמעריקע

	נאָמען	פאָטער	מוטער	געב.	שטאָט
1	אַדלער ריסיא	משה	ביילע	1938	וואַרשע
2	אַדלער טויבע	יצחק	ברכה	1938	יוזעפאָוו, לובלין
3	אַקסעלראָד אירענא	איזידאָר	ליאָלע	1934	לעמבערג
4	אַקסעלראָד ראָזע	אומבאַקאַנט	שרה	1936	לאָדזש
5	אַליק	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1944	ראַטנפאַרבאַנד
6	אַלטערוויין יוסף	משה	רבקה	1932	וואַרשע
7	אטרעמענטאָוויטש פעסיע	נחמן	פאַליע	1930	שעדלעץ
8	אסטרא יצחק	משה	שושנה	1934	ווישקאָוו, וואַרשע
9	אסטרא חביבה	משה	שושנה	1932	ווישקאָוו, וואַרשע
10	אַקעראייזען יוסף	יעקב	רוטאַ	1936	וואַרשע
11	אַלשעוויצקי אברהם	חיים	פייגע	1933	פאַריסאָוו, גאַרוואָלין
12	אַלשעוויצקי יצחק	"	"	1934	" "
13	אַלשעוויצקי בריינדל	"	"	1937	" "
14	אַלשעוויצקי רוטאַ	"	"	1940	" "
15	אַפּענהיים אליא	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1934	קראַסניק, לובלין
16	אַרליק חיה־העניע	דוד	מלכה	1938	בראַסלאָוו, ווילנע
17	אַרלינסקי לייב	ישראל	פייגע	1940	ניר, ביאַליסטאָק
18	אינדיק סאַבינע	בנימין	העליאַ	1938	וואַרשע
19	אירלאָוו משה	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1940	ריגע
20	באַנקער אַרנאָלד	הירש	פראַניע	1941	טשענסטאָכאָוו
21	באַלאַבונעק אהרן	ישראל	אסתר	1933	וואַרשע
22	באַלאַבונעק נתן	"	"	1934	"
23	באַזשענסקי סטעפאַן	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1939	"
24	באַרעק יוסף (טויב־שטום)	אומבאַקאַנט	חיה		
25	באַראָווסקי אברהם	שלמה		1933	פאַלעניץ
26	בימלער ריטשאַרד	הערמאַן	לאָניא	1932	לאָדזש
27	באַרקאָוויטש יעקב	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1940	קראָקע
28	באַגדאַנאָווסקי דוד	אריה	רחל	1937	באַראַנאָוויטש
29	ביימאַן רוזיאַ	יוסף	שרה	1936	לובלין
30	ביידער שלמה	אברהם	פאַליע	1935	וואַרשע
31	בליישטיפט גאָלדע	יונה	שיינדל	1933	דונאַיעוו,לעמבערג
32	בלומשטיין דאָראַ	מרדכי	ציפּע	1936	איזביצע, לובלין
33	בלומשטיין ביילע	"	"	1937	" "
34	ביבערשטיין גאָלדע	אריה	חיה	1935	פולטוסק
35	בערגווערק וואָלף	מיכאל	אַטאַסטאַזיאַ	1935	וואַרשע
36	בערגווערק שלמה	"	"	1943	"
37	בערגשטיין מאַשאַ	גרשון	ריקלע	1938	לוקאָוו, לובלין
38	בערגשטיין הינדע	"	"	1935	" "
39	בראָמבערג ריסיא	מיכאל	רחל	1939	לובלין
40	בראַנד לעאָן	מאַנעס	רוזשאַ	1932	יאַראָסלאָוו
41	ברויטמאַן לעאָן	טאָמאַש	לאה	1937	אומבאַקאַנט
42	ברוידע הענאַד	שמחה	גוטע	1937	וואַרשע
43	גאַלאַי חוה	יחזקאל	נעכאַ	1930	ווילנע
44	גאַרבוס אברהם	בערל	גוטע	1933	לובלין
45	גאַרבוס עדזיאַ	"	"	1934	לובלין
46	גאַרבוס חיים	"	"	1940	אַלטאַי ר"פ
47	גאָד אסתר	מרדכי	גוטע	1936	זלאָטשעוו
48	גאָלד פייגע	אומבאַקאַנט	ביילע	1937	ראַזוואַדאָוו, ריישע
49	גאָלעמביאָווסקי וואַנדא	משה	מרים	1933	וואַרשע
50	גאָלדשטיין אַרנאָלד	ליפּע	שרה	1944	העפּיקע־דייטש.

	נאָמען	פאָטער	מוטער	געב.	שטאָט
51	גאָלדשטיין זאָפיאַ	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1945	פּולאַווו, לובלין
52	גורא פריידע	הערש־לייב	רחל	1935	שעדלעץ
53	גורני יורעק	אומבאַקאַנט	גוטע	1938	וואַרשע
54	גלאַט עדאַ	אַדאָלף	שרה	1938	לעמבערג
55	גלאַזער הינדע	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1939	ליטע
56	גראָסמאַן סטעפאַ	משה	פרידעריקא	1935	פּשעמישל
57	גראָסוואורצעל משה	דוד	טויבע	1940	ראָטנפּאָרבאַנד
58	גראָסמאַן חיה	לייזער	דבורה	1933	קראָסנאָבראָדע
59	גראַנאַט אסתר	אברהם	רוז,יא	1934	מלאָווע
60	גראַנאַט הערצל	"	"	1935	"
61	גראפּפּא מרים	יוסף	רבקה	1941	זאַרעמבאַ־קאָסצ.
62	גרינבערג כעווערין	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1939	וואַרשע
63	גרינוואַלד מרים	משה	לאה	1932	כעלם
64	דאָווידאָוויטש מענדל	יחזקאל	פייגע	1935	פּאַביאַניץ
65	דימערמאַן משה	יעקב	חנה	1933	קאָסטאָפּאָל־וואָלין
66	דענדעראָוויטש מרים	אורים	צלואווקא	1929	לעאָפּאָלדאָווּאַ
67	האַרניק איזיא	קלמן	עלזאַ	1938	בראָד, לעמבערג
68	האַלפּערין העלענא	פּיליפּ	עמאַ	1930	לעמבערג
69	האַלפּערין רוח (?)	בצלאל	הדסה	1937	ירושלים
70	האַקעל יהודה	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1940	ראָטנפּאָרבאַנד
71	האָפּמייסטער שרה	קלמן	העליא	1941	טאַרנאָוו
72	הוטערער אליעזר	אשר	ביילע	1938	לעמבערג
73	הירשהאָרן אדם	ווילהעלם	מאַרטאַ	1942	אונגאַרן
74	הערבסטמאַן קיילע	פּנחס	אסתר	1932	פּשעוואָרסק ביי ריישע
75	הערבסטמאַן יוסף	"	"	1931	" "
76	הערבסטמאַן הינדע	"	"	1935	" "
77	הערצלער לאה	אברהם	בלומע	1933	פּשעמישל
78	וואַליש רחל	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1938	לעמבערג
79	וואָלינסקי נתן	יעקב	באַסיע	1933	פּויזן
80	וואָזשניצקי רישאַרד	קאַראָל	סטעפאַניאַ	1934	לאָדזש
81	וואָלפּסאָן אסתר	הירש	רייזל	1937	טאָרטשין, וואָלין
82	וויינבערג עליזא	פּנחס	ראָזאַ	1940	סוכאַטשאָוו
83	וויינריב פרידאַ	אפרים	יאַרעטא	1937	קאַטאָוויץ
84	ווייץ שלום	מענדל	רבקה	1938	שולקיעווקא (לובלין)
85	וויים אַנאַ	שמואל	העלאַ	1941	פּשעמישל
86	װענגראָװסקי יאַנוש	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1938	פּאַלעניץ
87	װענגראָװסקי האַלינא	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1936	"
88	זילבערשטיין אירקאַ	יוסף	העלאַ	1934	ביעלסקא
89	ז,ייפערט מאַציעי	אומבאַקאַנט	גרעטאַ	1937	קראָקע
90	זענפטמאַן כטעפציא	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1939	יאַנאָוו
91	זיגאַר מיראָסלאָוו	דוד	ניוסא	1941	לודמיר, וואָלין
92	זשורקאָווסקא הינדאַ	משה	דבורה	1933	וואַרשע
93	טאַבאַק הערש	מרדכי	רבקה	1930	טאָמאַשאָוו מאַז.
94	טאָום אסתר	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1939	נאָווידוואָר (לובלין)
95	טאָמין שושנה	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1940	לעמבערג
96	טאָרן וואַלדעק	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1938	וואַרשע
97	טיטעלמאַן מרים	בנימין	מיעטשיסלאָווּאַ	1933	וואַרשע
98	טישקאָווסקאַ רבקה	ירחמיאל	ראָזע	1935	אומבאַקאַנט
99	טיק שרה	מרדכי	לאה	1941	יאַבלאָננא (וואַרשע)
100	טייטמאַן אַדאַ	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1940	ראָטנפּאָרבאַנד
101	טורטשינער חנה	אשר	אומבאַקאַנט	1940	זלאָטשעוו (לעמבערג)
102	טשעציאַק יעזשי	יעקב	דבורה	1943	וואַרשע
103	יאַראָסלאָוויעץ מרים	מלך	שרה	1937	יאַראָסלאָוו
104	יאַניש שפרה	גרשון	אומבאַקאַנט	1940	ליעגיאָנאָווּאַ (וואַרשע)
105	יוד אסתר	שמואל	רחל	1930	מאַקאָוו מאַזאָוועצקי
106	כאַרעשיכאַ פּנינה	פישל	בתיה	1941	קנישין (ביאַליסטאָק)

	נאָמען	פאָטער	מוטער	געב.	שטאָט
107	כיס גיטע	שלום	שרה	1936	ווילנע
108	בעלעמאָוויטש חקוה	יוסף	אומבאַקאַנט	1941	קאָוונע
109	כראַפּליוואַ ביילע	אליעזר	לאה	1934	דזיקאוו (לובאַטשעוו)
110	כראַפּליוואַ שרה	″	″	1935	″ ″
111	לאַנדבערג מאַרצעל	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1938	קראָקע
112	לאַנגנאַס אַלפרעד	אומבאַקאַנט	פראַניע	1939	וואַרשע
113	ליס ראובן	לייב	חנה	1934	אָסטראָוו־מאַזאָוו.
114	ליכטער אַניאַ	מיכאל	רעגינע	1934	קאַלאָמיע (סטאַניסלאַוו)
115	לעווינטער אַניאַ	טאביאַש	סאַבינע	1938	וואַרשע
116	לעווינסאָן יששכר	שלמה	בתיה	1934	ניעמיעַנטשין (ווילנע)
117	לעווינסאָן יענטע	[illegible]	″	1935	″ ″
118	לעווין אַלעק	אַנדריי	סימע		
119	מאַמעד צעלינאַ	שמואל	ראַזאַליאַ	1938	לובלין
120	מאַנטאַג עטל	משה	פנינה	1937	קראָסנע
121	מאַרגנשטערן מרים	שמואל	נאַטאַליאַ	1938	וואַרשע
122	מיללער פּאַליא	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1936	″
123	מיללער איזיאַ	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1938	″
124	מיכלעס דאַנקאַ	הירש	געניאַ	1942	″
125	מיכלעס מיעציאַ	″	″	1944	
126	מושקאַט קאַראַל	שמואל	נאַטאַליאַ	1938	″
127	מעבעל גיזאַ	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1939	″
128	מאַרדקאָוויטש חנה	שמואל־לייב	אסתר	1935	סולעיואָוו, פּיטרק.
129	נאַגור ביילע	אברהם	בראַניאַ	1937	וואָלאָמין, וואַרשע
130	נאַרטמאַן מאַטעק	פייוול	דאָבע	1930	שעדלעץ
131	נאַרטמאַן יעקב	″	″	1933	″
132	נאַרטמאַן גיטע	″	″	1933	″
133	נאַזשיץ צבי	חנן	חוה	1943	ראַטנפּאַרבאַנד
134	ניעוויאַדאָמסקאַ זאָפיא	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1939	פּאַלעניץ
135	נויבערג סאַבינע	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1933	לענטשנאַ
136	עטינגער עוואַ	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1937	קראָקע
137	עלקענבאַום אַלעקסאַנדער	אומבאַקאַנט	רעגינע	1941	וואַרשע
138	סאַדעק ראובן	אברהם	חנה	1937	ווישקאָוו, וואַרשע
139	סאַדעק מרים	″	″	1939	″ ″
140	סאַמסאָנאָוויטש סילוויאַ	אַרטור	זשעניע	1935	וואַרשע
141	סאַנדאַק געניאַ	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1938	לעמבערג
142	סאַראַקאַ טערעסאַ	דוד	חנה	1939	ווילנע
143	סושינסקאַ לילאַ	אומבאַקאַנט	העלענאַ	1944	שטשאַקאָווע (קראָקע)
144	סוויעפּאַצקי אַלעקסאַנדער	הערש	נחמה	1944	באַגורוסלאַן, ר״פ
145	סיגאַר אַלגאַ	יוליוש	שאַרלאָטאַ	1933	עלבלאָנג
146	סניאַדאָווסקי חנן	צבי	אומבאַקאַנט	1934	אָסטראָוו־מאַזאָוו.
147	סענאַלסאָן קאַטיאַ	משה	חיה	1934	קאָוונע
148	פאַרביאַזש ליוסאַ	שמואל	פייגע	1939	ווענגראָוו
149	פאַגעלמאַן העלענאַ	יחזקאל	אַלטע	1932	קאַמינסק, פּיאָטר.
150	פוקס מאַרצעלי	לוציאַן	אומבאַקאַנט	1940	לעמבערג
151	פישקין וואָלף	בערל	אומבאַקאַנט	1938	ראַטנפּאַרבאַנד
152	פינקלשטיין ביילע	אומבאַקאַנט	זעלדע	1937	לאָדזש
153	פינקלשטיין שמואל	אומבאַקאַנט	″	1939	″
154	פיינקינד פייגע	משה	חוה	1940	גאַרוואָלין (וואַרשע)
155	פלינקעלשטיין ראובן	שמואל	פראַניע	1936	לובלין
156	פעלד אסתר	לעאָן	חנה	1935	וואַרשע
157	פעלד העלאַ	″	″	1936	″
138	פעלדענשטיין האַלינקאַ	אומבאַקאַנט	אומבאַקאַנט	1934	″
159	פשעסטשעלעניעץ רחל	מאיר	בלומע	1932	בראָד, לעמבערג
160	פשעסטשעלעניעץ חנן	″	″	1934	″ ″
161	פשעסטשעלעניעץ פייגע	″	″	1939	″ ″
162	פשעסטשעלעניעץ רבקה	″	″	1938	″ ″

	נאמען	פאטער	מוטער	געב.	שטאט
163	פאלאניצקא האלינא	יוסף	מאליא	1937	ווארשע
164	פאלעשטשוק סטאשעק	אומבאקאנט	זשעניא	1937	קאוועל
165	פאלינא העלא	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1938	אומבאקאנט
166	פאסטער רוזשא	ישראל	שיינדל	1944	סעמיפאלאטינסק
167	פיטלוק שולמית	שרגא	דבורה	1939	קנישין, ביאליסט.
168	פיקיער געניא	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1939	סטאניסלאוואוו
169	פלאכטא אלעקסאנדער	הענריק	בראניסלאווע	1935	גרודזיאנדז
170	פלאכטא דניאל	"	"	1937	"
171	פערעץ סאליא	אייזיק	ביילע	1937	כעלם
172	פעלארד אלא	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1941	וולאצלאוועק
173	פערלמוטער זעלדע	אברהם	מאליא	1939	טארנאפאל
174	צוויקלין אייזיק	יעקב	פייגע	1938	ביאליסטאק
175	צוויקלין ברוך	"	"	1937	"
176	צווירן סאליע	שמעון	רבקה	1937	ריישע
177	צווירן מינע	"	"	1937	ריישע
178	צווייג רובין	לייב	העלא	1941	ארכאנגיעלסק
179	קאלמאוויטש קאראל	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1940	לעמבערג
180	קארדיש רעניא	לייזער	אסתר	1933	קראקע
181	קאץ מענדל	אברהם	יוזעפא	1940	בריסק־ליט.
182	קאץ יאנינא	"	"	1943	"
183	קאהאן רחל	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1941	ווארשע
184	קארפאוויטש שרה	משה	לאסיע	1933	"
185	קאלישאק מישא	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1934	גראדזיסק, מאז.
186	קאלפוס רחל	יעקב	צעשיע	1941	ניעפאלאמיצע
187	קארנגאלד אליזע	ברוך	אומבאקאנט	1941	ווארשע
188	קוטשער דבורה	יעקב	שיינדל	1934	דראהאביטש
189	קליינער ראמא	סאלאמאן	פרידעריקא	1935	לעמבערג
190	קליג באסיע	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1935	פרושקאוו
191	קרול שמואל	פיניע	שרה	1933	ווילנע
192	קראוויעץ לייב	משה	אומבאקאנט	1939	"
193	קופערשטאך בריינדל	יחיאל	פאליע	1938	אזשאראוו, קיעלץ
194	ראזענבערג העניע	יוסף	הינדע	1940	אסטראוויעץ
195	ראזענבערג שרה	יעקב	שושנה	1935	דאמבראווע
196	ראזענבערג פעליציא	שלמה	שרה	1935	מיעכאוו
197	ראזענבערג לודוויק	(פון די	פאסנאנסקים)	1937	ווארשע
198	ראזענבערג גיטל	אשר	האדעס	1938	ביאלא־פאדל.
199	ראמעטאנסקי מיכאל	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1940	סאמארקאנד
200	ראבינאוויטש יחיאל	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1938	אפאטשנא
201	ראזענבלום מאיע	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1938	אומבאקאנט
202	ראטבארד חוה	יוסף	האדאסע	1933	ברוק אויפן בוג
203	ראטבארד שרה	"	"	1937	"
204	ראזענבלאט צילע	משה	שרה	1937	רודניקי אויפן סאן
205	רובין העניע	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1940	אומבאקאנט
206	ריסקין אריה	יעקב	עטע	1934	קאוונע
207	רייטבארד עטקא	ניסן	עווגעניא	1939	ווילנע
208	שאפעל יאספא	עקיבא	אומבאקאנט	1936	אסטראוויעץ
209	שאבאסזאן יודיטא	חיים	אננא	1936	בערלין
210	שיפליטא עדווארד	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1939	קראקע
211	שווארץ בנימין	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1938	אומבאקאנט
212	שווארץ שימעק	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1940	"
213	שטערנבערג עטקא	ברוך	דינה	1930	לעמבערג
214	שטודענט פרידא	פישל	חיה	1937	גאזשעלין
215	שעכטער בעניעק	אומבאקאנט	אומבאקאנט	1938	פיאסעטשנא
216	שפארבער יצחק	הערש	שרה	1938	דיסנע, ווילנע